STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04876

ERTS-YISROEL

Hersh David Nomberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. ד. נאמבערג

ארץ־ישראל

איינדריקן און בילדער

פארלאג ת. יאקובסאן
און מ. גאלדבערג
1925

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

I

דורך דעם מדבר סיז

ביינאכט

דעם מדבר ס'ין פּאָרט מען דורך ביינאַכט, עס ציט אַ קעלט פון מדבר. דער עולם איז נישט אויסגעשלאָפן, ס'איז שוין לאַנג נאָך האַלבער נאַכט, מען קריכט אַריין אין די פּאַלטאָס און מען טוליעט זיך איינער צום אַנדערן. גוט, וואָס דער וואַגאָן צווייטער קלאַס איז פול געפּאַקט. די אַראַבער האָבן זיך אויסגעזוכט באַזונדערע קופּעען און זיך אויס־געצויגן איבער די בענק, און כראַפּען. מיר לאָזן זיי צורו.

מיר ווייסן נישט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, צי מיר געפינען זיך שוין אין די גרע־נעצן פון ארץ־ישראל, אָדער מיר זענען נאָך אין מצרים.

אין קאַנטאַראַ, ביים סועץ־קאַנאַל, איז די צאָל־גרענעץ. מיט אַ פּאַראָם פּאָרט מען אַריבער דעם קאַנאַל. אונזערע פּעסער ווערן געשטעמפּלט מיט אַ העברעישער אויפשריפט, און אַ יידישער יונגערמאַן פון קאַנאַדע גיט אונז אַרויס די קאַראַנטין־צעטלען (וואָס מיט זיי דאַרף מען זיך דערנאָך מעלדן צום דאָקטאָר אין ארץ־ישראל) אויף דריי לשונות: ענג־ליש, אַראַביש, העברעיש, און ער זאָגט אונז מוסר, מיר זאָלן נישט פּרוּוון די צעטלען ביי זיך צו באַ־האַלטן און נישט גיין צום דאָקטאָר. ער רעדט אַ געשמאַקן ליטווישן יידיש:

— אייער אייגענע רעגירונג וועט איר אויס־נאַרן? — טענהט ער זיך אויס מיט אַ ייד, וואָס האָט געמאַכט אַ מינע, אַז דאָס צעטעלע אינטערעסירט אים לגמרי נישט — ווי־זשע וועט אויסזען אונזער לאַנד? נישט מאַכט קיין חכמות, איר וועט גיין זיצן, פאַרשטייט איר מיך...

דער אייגענער יונגערמאַן באַלייט אונז אין וואַגאָן, און ער פּרוּווט זיך אונז אויפקלערן, אַז דאָ, אויפן האָריזאָנט וועלן מיר דערזען דעם באַרג סיני, וואָס אויף אים איז געגעבן געוואָרן די תּורה.

אָבער פון פענסטער זעט מען נאָר זאַמד און זאַמד, און ווען מיר פּרוּוון אַראָפּלאָזן דאָס פענס־טער און זוכן מיט די אויגן אין דער פינסטערניש סימנים פון אַ באַרג, דערזעען מיר מער נישט ווי די ווייטע וויסטעניש, און דער שניידיקער קאַלטער ווינט עסט זיך איין אין די ביינער, און מען מוז גיך פאַרמאַכן דאָס פענסטער.

פון קאַנטאַראַ ביז צו דער פּאָליטישער גרענעץ פון ארץ־ישראל איז נאָך אַ ווייטער וועג און צווישן אַלע פּאַסאַזשירן פילט זיך אַ נייגעריקייט און א נערוועישקייט.

— זענען מיר שוין אין ארץ־ישראל?

וואָס איז אייגנטלעך די נפקא־מינה? ס'איז יאָ אַ נפקא־מינה. ווערטער זענען נישט קיין הוילע קלאַנגען; ווערטער פאַרכישופן. ווערטער האָבן אַ מאַ־גישן כּוח.

ארץ־ישראל — דאָס לאַנד פון די יידן! דאָס

זעלבסט־געפיל, וואָס אַ ייד האָט, ווען זיינע פיס באַטרעטן דאָס לאַנד, איז פולער, שטאַרקער ווי ערגעץ־אנדערש. דאָס ווערט אייך קלאָר, ווען איר זענט אַ צייט אין דעם לאַנד, אָבער אינסטינקטיוו דערפילט מען עס נאָך אין וואַגאָן.

ארץ־ישראל — און מיט וועלכן רעכט האָבן זיך די אַראַבער אַזוי ברייט צעלייגט אויף די בענק, און מיר זיצן ענג און מיר האָבן נישט וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן! — אַזעלכע מחשבות קענען אייך קומען אין קאָפּ אַריין נאָר אין ארץ־ישראל.

און דער ווינט פון מדבר בלאָזט אַלץ אַ קאַלטער און שניידיקער. אַזוי פיל ווערט אייך קלאָר דאָ פון דעם, וואָס איר האָט געלערנט אין דער יוגנט. יעקב אבינו האָט זיך געקלאָגט: „בייטאָג האָט מיך געגעסן די היץ און די קעלט ביינאַכט". אָט דער זעלבער מדבר, וואָס אָטעמט מיט פייער בייטאָג און זיינע זאַמדן ווערן אָנגעגליט און פאַר־טריקענען די קעל פון מענטש און קעמל, — דער זעלבער מדבר, ווען די נאַכט פאַלט־צו, און דער מערב־ווינט קומט פון ים, ווערט ראַש אָפּגעקילט, און ער יאָגט־אָן אַ קעלט, וואָס מאַכט ציטערן די גלידער.

טוליעט זיך דער עולם נאָך פעסטער צוזאַמען, מען דרעמלט איינער ביים אַנדערן אויף די אַקס־לען. די ערשטע צוויי שעה רייזע פון קאַנטאַראַ האָט מען נאָך געפּרוווט כאַפּן אַ בליק אויף דעם דרויסן, צו אָבסערווירן דעם מדבר, אָבער ס׳איז אַן אַרבעט פאַרן טייוול. וואָס ווייזט אייך דער

מדבר אין מיטן דער פינטטערער נאַכט! זיין ווי־
קייט, זיין אומענדלעכקייט, — די איינציקע שיינקייט,
וואָס ער פאַרמאָגט — דאָס האָט די נאַכט צוגעדעקט.
ענג איז ער געוואָרן, דער מדבר, צוזאַמענגעשלאָסן...
צי זענען מיר שוין אין ארץ־ישראל?
אין מיטן דער נאַכט באַרירט אונזער וועג
נאָכאַמאָל דעם מיטללענדישן ים ביי וואַד על עריש
און אַן אָאַזיס פון פאַלמען אויף עטלעכע קילאָמעטער
ווייזט זיך. און ווידער פאַלן מיר אַריין אין אַ
מדבר. עס הייבט־אָן צו גראָען אויף טאָג...
און ווען די פאַרשלאָפענע אויגן דערזעען
דורך די פענסטער די סימנים פון טאָג ווערט עפּעס
מיטאַמאָל פרייליכער אויפן האַרצן. עס ווילט זיך
מער נישט דרעמלען.
מיר זענען אין ארץ־ישראל!
פון וויסטעניש אין ווינט און קעלט גייט־
אויף אַ ליכטיקער און וואַרעמער טאָג. די זון איז
נאָך נישט אַרויס, און דער טוי ליגט נאָך אויף
אַלץ, אָבער די ערד גרינט זיך שוין דאָ און
דאָרט, און צעאַקערטע, פון טוי נאַסע, פעלדער ליגן
אויסגעשפרייט. עטלעכע אַראַבער מיט זייערע קליינע
אייזעלעך און ווייבער מיידן־אויס דעם וועג. זיי
שפּרינגען־אונטער אויף די אייזעלעך. קינדער און
ווייבער גייען זיי נאָך, רויק איז זייער גאַנג און
פאַמעלעך. דער מזרח האָט אַ שלעפעריקן ריטם. זיי
מוזן האָבן אַ ווייטן וועג, און זיי זענען אויפגע־
שטאַנען פאַר זון־אויפגאַנג, כדי נישט געבאקן צו
ווערן פון דער זון אין מיטן טאָג.

מיר זענען שוין אַרויס פון מדבר. מיר זענען אין ארץ־ישראל, אין נגב, אין לאַנד פון דרום.

און די זון, וואָס גייט איצט אויף, איז „אונזערע”, אַן ארץ־ישראלדיקע זון.

פון הינטער די בערג פון עמון און מואב קומט זי, און אין ים המלח האָט זי זיך אויסגע־באָדן, יריחו האָט זי געמיטן, און קוקט זי אָן, ווי גרויס זי איז און בלאַנקענדיק, און ווי זאפטיק־טויאיק איר ליכטיקייט איז!

אַן ארץ־ישראלדיקע זון, ווען זי גייט־אויף איבער דעם פלאַכלאַנד.

אָבער די אַראַבער כראַפּען. מיר אַלע זענען וואַך, אַלע מיר יידן: אַ „ריל־עסטעטניק” פון לאָנדאָן, וואָס קויפט פלעצער אין ארץ־ישראל, אַ ספרדישער ייד, אַ סוחר, וואָס האָט געקויפט אין קאַיראָ גאַלאַנטעריי־סחורה פאַר זיינע געשעפטן אין חיפה און יפו, און אַ גאַנץ פעקל לאָדזשער, וואָס זענען אַוועק פון דער סטאַביליזאַציע, פון די גרויסע שטייערן און פון דער גרויסער שאַנד פון שמייסן יידן...

די זון האָט אַלע געגלעט מיט אירע שטראַלן און פאַרטריבן די מידיקייט פון דער נאַכט אָן שלאָף.

צווישן די לאָדזשער פעלט נישט דער טיפּ פון קאָמי־וואָיאַזשער, וואָס זיין מויל מאָלט בסדר ווי אַ מיל. די סאָלידערע האָבן אַלע פאַרטיקע פלענער און זיי זענען ערנסט, נאָכדענקלעך. מען דאַרף אַרויסנעמען די עטליכע טויזנט דאָלאַר און

אין גאָט ווייסט, ווען מען וועט זיי צוריק זעען.
מען כאַפּט אַ שמועס מיט דעם ספרדישן ייד וועגן
דעם פּרייז פון זאָקן, אַזוי־זיך פון דער זייט, מיט
אַ הינטער־וועג קומט מען צו, סוחריש, לאָדזשעריש,
און דער ספרדישער ייד פאַרפאָרט גאָר ווידער פון
„צפון־זייט", אַזוי ווי ז'ער מנהג פון יידן־סוחרים
איז... וואונדערבאַר! דער ספרדישער ייד, וואָס האָט
לכתחילה גערעדט העבו־עיש, איז, ווי ס'איז געקו־
מען צו מסחר און צום פּרייז פון זאָקן, האָט ער זיך
צערעדט מיט אונזערע סוחרים אויף לאָדזשער דייטש...
און די לאָדזשער האָבן איינער צום אַנדערן צוגע־
וואונקען מיט די אויגן אויף זייער לשון: „נישט
קיין יאָלד, דער בחור".

אָבער די לאַנדשאַפט ווערט רייכער, גרינער
און זאַפטיקער, וואָס ווייטער מיר רוקן זיך אָפּ פון
מדבר. און די זון האָט זיך אַליין אויסגעטריקנט
אין איר וואַרעמקייט, און ווערט, אָנשטאָט זאַפטיק־
טויאיק, הייס־גליִעגדיק... האָט זיך אַן אַראַבער אויס־
געוויקלט פון זיין טוך, וואָס אין איר האָט ער באַ־
גראָבן זיין קאָפּ שלאָפנדיק, און קוקט אויף אונז
מיט זיינע ווילד־ברענענדיקע אויגן, און זיין אָדלער־
נאָז איז מאָדנע שפּיציק און לאַנג...

ער איז אַ נוצרי פון ירושלים, רעדט ענגליש.
איך וואָלט זיך געוועט — ער איז א מיטגליד, אויב
נישט קיין פירער פון דעם מוסולמעניש־נוצרישן
קאָמיטעט...

מיר האָבן זיך צערעדט מיט אים, איך און דער
„ריל־עסטעטניק" פון לאָנדאָן: חלילה וחס, ער האָט

גאָר־נישט צו די יידן, נישט מער, אַז זיי מאַכן פאַבריקן, זאָלן זיי געבן אַרבעט אויך אַראַבישע אַרבעטער, הלמאי, ער אַליין האָט אַ פאַבריק אין ירושלים און מאַכט נישט קיין אונטערשיד צווישן אַן אַראַבער און ייד...

איך וואָלט אים דאָס אַלץ געגלייבט, ווען נישט זיינע ווילדע אויגן און זיין שארף שפּיציקע נאָז, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַ רויבערישן אויס־דרוק.

און די זון איז שוין אויפגעגאַנגען הויך, האָט אונז דורכגעוואַרעמט; איך בין ווי אויסגעניכ־טערט פון דער גרויסער מיסטעריע פון באַטרעטן דאָס לאַנד פון מיינע אבות, פון דער ווייכער, אַזוי ווילד־פרעמדער, אזוי נאָנטער לאַנדשאַפט. איך זע ווייטע פעלדער, צעאַקערטע, פאַרגרינטע, און מענטשן אַרבעטן דאָרט... דער ריטם פון טאָג און אַרבעט האָט צוריקגעקערט.

איך האָב געהאַט אַן איבערגעטריבענעם באַ־גריף וועגן דער פאַרלאָזנקייט פון ארץ־ישראל. דער גרעסטער טייל פון איר באָדן ווערט באַאַרבעט.

און דעם קאָמי־וואָיאַזשערס מויל מאָלט אַלץ ווי אַ מיל.

האָט איר שוין געזען אַ קאָמי־וואָיאַזשער, ווען ער ווערט סענטימענטאַל, ווען ער צעגיסט זיך אין געפילן? —

די אַראַבער! די אַראַבער זאָל מען אים צו־נעמען פון לאַנד! ער וויל זיי נישט זען דאָ.

II

קארנאוואל אין תל־אביב

ווען איך בין אָנגעקומען קיין תל־אביב, איז געווען יום־טוב אין שטאָט — קאַרנאַוואַל, דער איינ־ציקער אין ארץ־ישראל און אויפן גאַנצן מזרח.

ווייל תל־אביב מיט אירע 20,000 איינוואוינער איז אַן אייראָפּעישע מדינה אין מיניאַטור. וואָס ווילט איר האָבן! איר באַפעלקערונג איז פינף מאָל אַזוי גרויס, ווי פון פירשטנטום מאָנאַקאָ. זי האָט עלעקטרישע באַלייכטונג און זי האָט ברייטע אויס־געברוקירטע גאַסן, וואַסער־לייטונג, און וואַנעס אין די הייזער. איר קאַזינאָ, מיט דעם שיינעם נאָמען „גלי אביב״, שטייט האַרט נעבן ים, דאָרט זעט מען יעדן אָוונט די זון, ווי זי לאָזט זיך אַראָפּ אין ים אַריין, און ביינאַכט טאַנצט מען דאָרט שימי און וואָן־סטעפּ ביי די קלאַנגען פון אַן אָרקעסטער און דעם הילכיקן מורמל פון די כוואַליעס. אַ פּלעק אייראָפּע אין מיטן אַזיע. האָט מען אַהער איבער־געבומען אויך דעם קאַרנאַוואַל, מיט עפנטלעכע שפּילן, און צוגן, און מאַסקעס, און — דאָס דאַרף מען זיך אַליין אָנשטויסן — אַז קאַרנאַוואַל פאַלט דאָרט אויס פּורים.

ווייל צו זיין אייראָפּעיש און גלייכצייטיק אויך יידיש־ (לייען: העברעיש) נאַציאָנאַליסטיש — דאָס איז דער אידעאַל פון תל־אביב. אַוואו דאָס פּאָרט זיך, דאָס הייסט, אַוואו עס געלינגט צוזאַמענ־

צופאָו'ן אַן אייראָפּעיִשע פאָרם מיט אַ נאַציאָנאַלן מאָמענט און אים צו געבן אַן אויסדרוק אויף העבּ־רעיש מיט דער הברה הספרדית — דאָרט איז דער העכסטער ציל דערגרייכט געוואָרן פאַר דעם בירגער פון תל־אביב. דאָרט פילט ער, אַז דער גרויסער אידעאַל איז פאַרווירקלעכט, און ער קוקט מיט שטאָלץ און בטול אויף דעם פינסטערן „גלות", וואָס איז געבליבן שטעק' צעזייט און צעשפּרייט, און מאַטערט זיך אין קראַמפן צווישן לעבן און טויט.

ס'איז אַ קליין, קליין מדינהלע, דאָס תל־אָביב, אָבער פאָרט אַ מדינהלע. איר פּאָליציי רעדט העברעיש (און נאָך בעסער — יידיש); אויף אירע אויטאָמאָבילן זענען אויפגעהאָנגען העברעיִשע אויפ־שריפטן און נומערן; איר בירגער־מייסטער, דיזענ־האָף, רייט אַלע אין דער פרי אַרויס אויף אַ ווייס פערד, און אין איר „ועד־העיר" (שטאָט־ראַט) זיצט אַפילו אַ „נאַציאָנאַלע מינדערהייט", אין דער גע־שטאַלט פון איין־איינציקן אַראַבער... און וואָס פעלט? אפשר אַ ביסל פרנסה? מילא, וועגן דעם — אַן אַנ־דערש מאָל. און פון דער צווייטער זייט ווידער: אַוואו לעבט מען היי־טיקע צייטן גוט!

איז דאָ אויך אַ קאַרנאַוואַל.

עפנטלעכע שפּילן, פוטבאָל, לויפן, אַ לעבע־דיק שאַכמאַט־שפּיל א. א. וו., מאַסקעס־קאַריקאַטורן אויף פּאָליטישע טעמען (די ענגלענדער און הרב זאָנענפעלד, וואָס מאַכט אַנטי־ציוניסטישע פּאָליטיק מיט קעניג הוסיין, האָבן געקריגן דאָס זייעריקע), אָבער אַם וויציקסטן האָט עס געמאַכט די „שכונת־

באָראָכאָוו״, דער אָרעמער קוואַרטאַל, וואָס הויזט נאָך מייסטנס אין באַראַקן פון בלעך, אָדער האַלב־צעריסענע, פון ווינט־געפליקטע געצעלטן. די „שכונת־באָראָכאָוו״ האָט אַרויסגעשיקט אַ וואָגן, פול אָנגע־פּאַקט מיט קינדערלעך, אָרעם, אָבער זייער ריין, בלאַנק־ווייס געקליידטע, קינדערלעך אָפּגעבברענט פון דער זון. דאָס קליינוואַרג האָט געוווימלט און געשריגן. צוויי אָקסן האָבן געפירט דעם וואָגן און די אויפשריפט, מיט ריזיקע אותיות איבער דעם בילד, האָט געהייסן:

„תוצרת הארץ״.

היימישע אינדוסטריע. נישט קיין אימפּאָרטיר־טע, נאָר ארץ־ישראלדיקע.

ווייל דאָס קליינע מדינהלע, מוזט איר וויסן, האָט איר אינדוסטריעלן פּאַטריאָטיזם, און אַ באַזונ־דערע חברה מיטן נאָמען „למען תוצרת הארץ״ גיט אַכטונג דערויף, אַז מען זאָל נישט נוצן קיין אימ־פּאָרטירטע זאַכן, נאָר היימישע. אַ גוטער תל־אביב־ער בירגער דאַרף נישט רייכערן קיין אַנדערע פּאַפּיראָסן, סיידן נאָר פון דער פירמע „מאַספּעראָ״. און אויב ער איז צו זיי נישט געוואוינט און זיי רייסן אים אין האַלז, זאָל ער שלוקן צוקערלעך פון דער פירמע „רענן״, ווייל ביידע פירמעס זענען היימישע.

אין דער קליינער מדינה תל־אביב זענען די געוויינלעכע מענטשלעכע טועניש — נאַציאָנאַלע טאַטן. צי איר ווילט יאָ, צי נישט. נישטאָ דער מין גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין! איר זענט

אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטער אַטמאָספער פון נאַציאָנאַליזם (פאַר ווידערשפעניקסטע איז פאַראַן אַ נאַציאָנאַלע דיקטאַטור). איר האַנדלט נישט און וואַנדלט נישט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין — איר בויט דאָס לאַנד! איר רעדט נישט, נישט צו געדענקען דערביי, אַז איר טוט עפּעס, נייערט און נאָר איר רעדט הויך אויפן קול העברעיש און בויט די שפּראַך. איר רייכערט נישט גלאַט אַ פּאַפּיראָס, נאָר איר שטיצט די היימישע אינדוסטריע. און ווען איר האָט קינדערלעך, פאַרמערט איר די באַפעלקערונג און פאַרשטאַרקט אונזער פּאָזיציע אַנטקעגן די אַראַבער...

דער גאַנצער ריטם פון לעבן קומט דעריבער אַרויס אַ קאַפּיטשקע אָנגעשטרענגט, אָנגעצויגן. איר וועט זאָגן, אַז דאָס איז באַגרענעצט און קליינלעך. אפשר זענט איר גערעכט, אָבער פאַרגעסט נישט, אַז דער גרעסטער טייל פון די תל־אביבער בירגער זענען אַזוינע, וואָס האָבן פאַרברענט הינטער זיך די בריקן, מענטשן, וואָס האָבן פאַרקניפּט זייער גורל מיט דעם שטיקל לאַנד; זייער גורל און דעם גורל פון זייערע קינדער און קינדס־קינדער...

אַ גאַסט אויף אַ ווייל וועט זיך פילן אַ ביסל אומבאַקוועם אין דער היפּער־נאַציאָנאַליסטישער אַטמאָספער, אָבער מיט פאַרגעניגן וועט ער מוחל זיין: תל־אביב האָט גרויסע מעלות, און מ׳קאָן איר אירע חסרונות מוחל זיין.

בפרט נאָך, וואָס איך בין אַריינגעפאַלן אין

מיטן אַ קאַרנאַוואַל, אין מיטן אַ לוסטיקייט און אַ זינ־געריי... און ווער קאָן עפּעס האָבן צו פרייל־עכע זינגענדיקע מענטשן!

תל־אָביב, זאָל עס דאָ פאַרצייכנט ווערן, איז בכלל, אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, אַ זינגענדיקע מדינה. אַ סך יונגוואַרג איז דאָ פאַראַן, געזונטע, קערניקע בחורים און מיידלעך. און זינגען קאָסט נישט קיין געלט. דאָס לעבן איז על פּי רוב דאָ זייער שווער, אָבער די פריילעכקייט און די חברשאַפט מאַכן דאָס האַרטע לעבן גרינג. דאָס געמיטלע־כע רעדן, ווי, למשל, מעשיות דערציילן, אַזוי־זיך וויצ־לען, ווי דאָס פאָלק האָט ליב ביי אונז, למשל, אַ שבת נאָכן עסן, — דאָס איז דאָ נישט פאַראַן, ווייל כאָטש צווישן זיך רעדט מען מערסטנס יידיש, אָבער שפּרעכן עפנטלעך טוט מען נאָר העברעיש, און קוים פאַרזאַמלט זיך אַ גרעסערער עולם, קומט באַלד די העברעישע דיסציפּלין. און דאָס רעדן העברעיש, זאָל עס זיין וואָס עס איז, אָבער קיין געמיטלעכע זאַך איז עס נישט; די אָנשטרענגונג באַלייט עס, און די אויסגערעכנטקייט לויערט דערויף שווער.

זינגט מען! ווילד, נישט ריטמיש, צוואַנציק מעלאָדיעס צוזאַמענגעמישט, איינער פון פאָרנט, דער צווייטער פון הינטן, אָבער זינגען זינגט מען ביז נאָך האַלבער נאַכט, ווען די הענער קרייען שוין צום צווייטן מאָל, זינגט מען אין תל־אביב. ווייל זינגען — דאָס איז בבחינת פון דעם פרייען, אומגע־שטערטן, נישט געקינסטלטן — דער „גלאַט אַזוי” איז עס.

און פורים־קאַרנאַוואַל האָבן נישט נאָר די בחורים מיט די מיידלעך, די חלוצים מיט די חלוצות, געזונגען, נאָר אַפילו יוסטע בעלי־בתים, סאָלידע לערער און „פקידים" (ציוניסטישע באַאַמטע) האָבן מיטגעברומט.

דער קאַרנאַוואַל איז געווען אין פולן גאַנג.

פון גימנאַזיע דורך „רחוב הערצל" זענען גע־גאַנגען די „תהלוכות" (פייערלעכע צוגן) מיט פענער אין מיט אויפשריפטן. דעם בעסטן טראַט האָבן, לכל הדעות, געהאַט די שילער פון דער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער פערמע „מקוה ישראל". ווי זעלנער האָבן זיי מאַרשירט ריטמיש.

אַן אויסגעצייכנטער אָרקעסטער איז געגאַנגען פאָרויס, אָבער די גרעסטע באַוואונדערונג האָבן אַרויס־גערופן די קי פון דער האָלענדישער ראַסע, וואָס האָבן געשפרייזט פון הינטן, באַצירט די קעפּ מיט גרינס. די גרעסטע „הידדס" האָבן זיי ארויסגערופן, אָט די בהמות, מיט זייערע פולע אייטערן מילך, וואָס די פערמע „מקוה ישראל" האָט צו שטאָלץ און פראַכט אויפגעצויגן.

אין ארץ־ישראל ווער עס ציט־אויף אַ קו פון אַ גוטער ראַסע, דער איז אַ נאַציאָנאַלער העלד. און ווען ביי מיין זיין אין תל־אביב איז אין „שכונת־באָראָכאָוו" פלוצלינג אַוועקגעשטאָרבן דער פר (בו־ל) פון אַ געהויבענער ראַסע, איז שיער נישט גע־ווען קיין נאַציאָנאַלער טרויער. מענטשן האָבן

זיך די טרויעריקע נייעס איבערגעגעבן עטלעכע־הייט...

געסט זענען געקומען זען דעם קאַרנאַוואַל. די אַראַבער פון יפו מיט זייערע ווייבער, באַדעקט די פנימער מיט דיקע שלייערן, אַז ס'איז קיין צייכן פון קיין מענטש נישט אַרויסצוזען. זיי שטייען אין אַ באַזונדערער חברותא. אונטער די שוואַרצע שלייערן זענען זיי אַלע ענלעך, איינע צו דער צווייטער, אַלע זעען זיי אויס ווי די פינסטערע רוחות. אָבער די אַראַבער זענען יום־טובדיק אויסגעפּוצט (עפּעס געקומען קיין אייראָפּע). די ציין בלישטשען ווייס, און די אויגן קוקן ווילד...

און ביי אַ ווינקל גאַס שטייען די מיידלעך פון דער דייטשער קאָלאָניע „שרונה", וואָס נעבן יפו. די דייטשן האָבן מיט די יידן ווייניק־וואָס צו טון, כאָטש תל־אביב פאַרברייטערט זיך אַלץ מער און כאַפּט אַרום אין אַ ווייטן בויגן די רייכע קאָלאָניע פון די דייטשן. די אַלטע זענען נישט געקומען, די סאָלידע דייטשע פּויערים, אָבער די מיידלעך זענען אַהערגעקומען זען דעם יידישן קאַרנאַוואַל. זיי רוקן זיך אָן אַ זייט. פאַרוואונדערטע און דערשראָקענע בלאָע אויגן האָבן זיי, די טעכטער פון צפון, וואָס זענען אַהער מגולגל געוואָרן אין לאַנד פון קריסטוס. דאָ זענען זיי געבוירן און זיי האָבן קיין קאַרנאַוואַל אין זייערע אויגן נישט געזען, אָבער דער אַלטער זיידע האָט זיי דערציילט פון זייער אַלטער היים אין טירינגען, וועגן אַלטע מנהגים, וואָס די יידן מאַכן דאָ נאָך...

רוקן זיי זיך כסדר און טרעטן יעדן אָפּ דעם וועג...

אַ שפּאַן וועג איז פון „שרונה" קיין תּל־אביב, אָבער ס'איז אַ וועג אין אַ פרעמדער מדינה אַריין...

III

אנפאלן איז נוה־שלום

תל־אביב האָט זיך אָנגעהויבן מיטן בוי פון גימנאַזיום „הרצליה״, מיט אַ צענדליק יאָרן צוריק. נעבן דעם גימנאַזיום זענען אויפגעשטאַנען עטלעכע נעביידעס, אַלס זומער־וואוינונגען פאַר די רייכע יידישע איינוואוינער פון יפו, וואָס האָבן זיך אויף זומער־צייט געוואָלט אַרויסרייסן פון די ענגע, שמאָלע און ברודיקע גאַסן פון דעם אָריענטאַליש־געבויטן יפו. ערשט נאָך די געשעענישן פון 1־טן מאַי 1922, די געשעענישן, וואָס האָבן געקאָסט דאָס לעבן פון עטלעכע צענדליק יידן און נאָך מער אַראַבער, — ערשט נאָכדעם האָט תל־אביב זיך גענומען אויפבויען און ראַש וואַקסן. יידן האָבן מאַסנוויז פאַרלאָזט יפו, באַזונדערס די גאַסן, וואָס זענען באַזעצט פון אַראַבער, און אויף די זאַמדן, וואָס פון יפו ביז צום ים, איז אויפגעשטאַנען אַ ברייטע, אַ ליכטיקע, אַ באַקוועמע שטאָט. יידן זענען געבליבן אין יפו נאָר נאָך אין דער געשעפט־גאַס, וואָס ביים עק שטאָט. די פעלקער האָבן זיך אָפּגעזונדערט. די אַראַבער פילן זיך זייער נישט באַקוועם צו וואוינען אין אַ יידישער געגנט, פּונקט אַזוי ווי די יידן מיידן־אויס די שכינות פון אַראַבער.

דערמיט איז נישט געמיינט, אַז די יידן מיט די אַראַבער לעבן אין שטענדיקער פיינטשאַפט. פאַרקערט, אין נאָרמאַלע צייטן דערקענט איר קיין

שפור נישט פון עפּעס נאַציאָנעלע רייבונגען; מען פּאָרט צוזאַמען אויף די באַנען, און מען הערט נישט קיין בייז וואָרט, מען האַנדלט און וואַנדלט; דער אַראַבער איז אַ קינד פון אַן אַלטער, כאָטש אָפּגע־שטאַנענער ציוויליזאַציע. ער איז געוויינלעך העפ־לעך, דאַכט אַן נישט געבייגט עמיצן צו פאַר־טשעפּען, ווען ער זעט נישט אַרויס די נוצן, וואָס ער וועט דערפון האָבן. די עפּענדיס, די העצער פון אַראַביש־קריסטלעכן קאָמיטעט, קומען פיל מאָל אין דער קאַזינאָ אויף מוזיק און טיי; דער בירגער־מייסטער דיזענהאָף האָט פּערזענלעכע פריינט צווישן די אַראַבישע טוער. פּאָליטיק איז פּאָליטיק. אָבער דער אָריענטאַלער האָט בטבע ליב חברשאַפט אין דעם פאַרקער מיט מענטשן.

אָבער דער באָדן איז אַ וואולקאַנישער. אויפ־רייס־שטאָף איז פאַראַן. אויסברוכן זענען דאָ מעגלעך. מען האָט דעם איינדרוק, אַז די אַראַבער (דער געוויינלעכער איינוואוינער איז געמיינט, נישט די פּאָליטישע העצער) זוכן אויסצומיידן פון זייער זייט יעדן קאָנפליקט, פונקט אַזוי ווי די יידן זוכן אים אויסצומיידן. ווייל ביידע צדדים ווייסן גאַנץ גוט, אַז יעדער קאָנפליקט מוז קאָסטן גרויסע קרבנות פון ביידע זייטן, אַז געשעענקט ווערט דאָ גאָרנישט, און דאָס געזעץ פון נקמה איז גילטיק פאַר ביידע צדדים.

אָבער אַזוי ווי אַן אויסברוך איז דאָך מעג־לעך, זוכן ביידע צדדים ליבער צו וואוינען צווישן אייגענע.

דאָס אַראַבישע יפו איז געבויט אויף אַ בערגל נעבן ים, אין ענגע, שמאָלע גאַסן; אין אַ גרויסן האַלבן ראָד, פון צפון און מזרח, נעמט דאָס יידישע תל־אביב אַרום דאָס אַלטע יפו. די אַרויס־גערוקטע פּאָסטנס זענען די פערמע מקוה ישראל, און ווייטער — די קאָלאָניע ראשון־לציון און פּתח־תקוה. דאָ, אין יהודה, האָט דער יידישער ישוב זיך גוט איינגעאַנקערט, די סטראַטעגישע און עקאָנאָמישע פּאָזיציע זעט דאָ אויס צו זיין פעסט און געזיכערט קעגן איבערראַשונגען.

אָבער איך בין אַוועק אַ ביסל אָן אַ זייט. מיר האָט זיך געוואָלט דערציילן די געשעענישן פון יענעם פורים־קאַרנאַוואַל און מיט וואָס דער טאָג האָט זיך געענדיקט. דער טאָג איז געווען רייך מיט איינדרוקן פאַר מיר.

די זון האָט זיך שוין געהאַט געזעצט, און דער עולם איז געווען מיד פון אַרומשלעפּן זיך אויף די גאַסן, איך האָב מיך געפונען צווישן אַ קליינער חברותא פון יידישע אַרבעטער פון פּוילן, אַוואו מען האָט פאַרענדיקט דעם פורים ביי אַ גלעזל ווייַן, און מען האָט זיך אויך דערלויבט דעם לוקסוס פון אַ יידיש פאָלקס־לידל. צוריקגייענדיק צו מיין האָטעל, זענען מיר פאַרביי דעם שפּיטאָל „הדסה” און מיר האָבן געזען אַ רעדל מענטשן. אין דער אַרט ווי אַזוי זיי זענען געשטאַנען, און אָן דער ערנסטקייט פון זייער האַלטונג האָבן מיר שוין

געקאָנט דערקענען, אַז עפּעס איז געשען. ס'איז מער נישט געווען די קאַרנאַוואַל־שטימונג. מען האָט גערעדט שטיל, סודותדיק, פאַרזאָרגט.

אַ קראַנקן־שוועסטער, וואָס איז אַרויסגעקומען פון שפּיטאָל, האָט איבערגעגעבן קורץ: איינער איז געשטאָרבן דער צווייטער איז אויפן אָפּעראַציע־טיש און זיין לאַגע איז זייער ערנסט (ער איז צומאָרגנס געשטאָרבן), דער דריטער איז נאָר לייכט פאַרוואונדעט און עס וועט אים גאָרנישט זיין.

שטיל, ערנסט האָט דאָס רעדל מענטשן אויפגענומען די ווערטער, אָן נערוועישקייט, אָבער אויך אָן גרינגשעצונג. ס'איז געווען אַ דראַמאַטישע שפּאַנונג.

ס'האָט פּאַסירט אָט וואָס: אין נוה־שלום, דער קוואַרטאַל, וואָס צווישן תל־אביב אין יפו, וואו עס וואוינט אַ געמישטע באַפעלקערונג פון יידן און אַראַבער, האָט אַן אַראַבער אויסגעשאָסן אויף אַ ייד, ווען ער איז געקומען רויק שפּאַצירן מיט אַ פריילן. אין אַן אַנדער ווינקל פון דעם זעלבן קוואַרטאַל איז אַן אַראַבער אָנגעפאַלן אויף אַנדערע צוויי יידן און האָט אויף זיי געשאָסן. ביידע אָנפאַלן זענען געמאַכט געוואָרן גלייכצייטיק, אויסגערעכנט און — קענטיק — אָרגאַניזירט. ביידע אָנפאַלער זענען פאַרשוואונדן אָן שפּור, ווייל נוה־שלום איז אין דער צייט געווען פאַרלאָזט פון יידן, וואָס האָבן זיך מערסטנס געפונען אין תל־אביב אויף די פייערונגען. דאָס פריילן, וואָס איז געגאַנגען מיט דעם ערשטן דערשאָסענעם, האָט דערציילט, אַז דער אַראַ־

בער האָט געשאָסן גאָר פון דער נאָנט און איז רויק פאַרשוואונדן אין אַ ווינקל גאַס.

אַלע אָנצייכן האָבן געוויזן דערויף, אַז אַ באַהאַלטענער כּוח האָט דאָ די האַנט אין שפּיל. מען האָט גערעדט וועגן דעם, אַז קיין שום אויסערלעכע סבּה האָבן די אָנפאַלן נישט געהאַט. ס'איז קיין קריגעריי נישט געווען. דער אַראַבער האָט זיך דערנענטערט גאַנץ רויק, האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, נאָר אויסגעשאָסן און אַוועקגעגאַנ־גען.

פאַרשטייט זיך... פאַרשטייט זיך... דער אַראַ־בישער נוצרישער קאָמיטעט... אַזוי האָט מען אַרומגערעדט דעם אָנפאַל, — זיי האָבן געוואָלט אויסנוצן דעם יידישען יום־טוב, און אַרויסרופן אַ מהומה.

וואָס מיך האָט איבערראַשט און וואָס פאַר מיר איז באמת געווען ניי, דאָס איז געווען די רויקייט, די זאַכלעכקייט, די ערנסטקייט, מיט וועלכע מען האָט אַרומגערעדט די געשעענישן. קיין שפּור איז נישט געווען פון קיין פּאַניק, פון צעמישונג, פון בייזע קלאַנגען. אַן אָנפאַל... נו, יאָ... איך וויים, מיט וואָס אַזוינע זאַכן שמעקן ערגעץ אַנדערש, אַוואו די ווערטער „עס האָט זיך אָנגעהויבן" מאַכן ציטערן די נשמה, און דאָס בלוט שלאָגט ראַש אין קאָפּ אַריין. ניין! דאָס איז עס נישט געווען.

אין יענעם מאָמענט האָב איך עס אינסטינקטיוו אַרויסגעפילט און דערנאָך האָב איך מיך דערין אי־

בערצייגט: אַז פּאָגראָמען זענען אין ארץ־ישראל פּאַקטיש אוממעגלעך!

ס'איז מעגלעך, וואָס אירווילט. ס'איז מעג־ליך צוזאַמענשטויסן מיט גרויסע קרבנות, אַ וואולקאַן, אַן אויסברוך, אָבער נישט קיין פּאָגראָם.

ווייל דער פּאָגראָם איז שרעקלעך נישט מיט זיינע רעזולטאַטן, מיט דער צאָל קרבנות. נאָר די שאַנד, די מאַכטלאָזיקייט זענען דאָס שרעקלעכע פון פּאָגראָם, דאָס אוממענטשלעכע, וואָס אין אים, ווען דער מענטש ווערט ווי אַ וואָרעם און די נשמה לויפט אים אין דער שפּיץ נאָז אַריין, ווען ער פילט זיך ווי אַ שאָף.

יעדער אָנפאַל אין ארץ־ישראל רופט אַרויס, פאַרקערט, אַן אָנגעשטרענגטקייט פון די כּוחות, שפּאַנט די נערוון אָן, הייבט די שטימונג, אָנשטאָט צו מאַכן זי נידערגעשלאָגן.

ס'זענען נישט אַריבער קיין גאַנצע דריי שעה פון דעם אָנפאַל אין נוה שלום, מיר זענען נאָך גע־שטאַנען אַ קליין רעדל מענטשן פאַרן שפּיטאָל, די עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס באַלייכטן די גאַסן, זענען שוין געווען אויסגעלאָשן, און דער טונקל־בלאָער הימל האָט זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזט איבער די קעפּ. ווי גרויס די שטערן זענען דאָ, און אַזוי פיל זענען זיי! האָרך! עפּעס רודערט זיך פון אַ זייטן־גאַס, טריט, אַ שטיל געמורמל... ביי דעם קנאַפּן ליכט פון די שטערן קאָן מען קוים עפּעס דערזען, מען צינדט אָן אַ שוועבעלע...

מען האָט געבראַכט אַ דערשאָסענעם אַראַבער,

און מען טראָגט אים אין שפּיטאָל אַריין. עטלעכע תּימנער יידן מיט זייערע געקרייזלטע פּאות טראָגן אים אַרויף.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט מען גע־בראַכט אַ צווייטן.

די פֿאַרגעלטונג איז געשען אין פֿאַרלויף פֿון עטלעכע שעה. קיינער ווייסט נישט, ווער, וואָס, ווי אַזוי. מען רעדט דערפֿון נישט. אַזוי איז עס גע־שען, אַזוי האָט עס געמוזט געשען.

מען איז אַהיימגעגאַנגען שלאָפֿן.

אויף צומאָרגנס זענען אַראַבישע יונגעלייט געקומען אין שפּיטאָל, אָפּנעמען דעם טויטן גוף, ס'איז די גרעסטע חרפּה פֿאַר אַן אַראַבער צו לאָזן זיין טויטן ביים שונא. מען האָט זיי דעם מת אַרויסגעגעבן. איך האָב זיי געזען, די אַראַבישע יונגעלייט, אין די פּעסקעס, אײַלנדיק, זייער באַ־שעפֿטיקט מיט זייער מיסיע, און — שווייגנדיקע.

מען האָט קיין גרויס גערייד נישט געמאַכט פֿון דעם אינצידענט. עפּעס אַזוי ווי מען וואָלט זיך אָפּגערעדט נישט צוצעבלאָזן דעם ענין.

נאָר קיין אויסלאַנד זענען געפֿלויגן דעפּעשן וועגן צוזאַמענשטויסן, און די עגיפּטישע צייטונגען האָבן געהעצט, אַז די יידן האָבן אויף זייער קאַר־נאַוואַל אויסגעלאַכט די אַראַבישע הייליקע א. אז. וו.— אין סטיל פֿון בלבולים און פֿאַרדרייעניש.

אין פּאַלעסטינע אָבער איז די זאַך געווען קלאָר, איז געלעגן אויף דער האַנט.

נישט געווען וועגן וואָס צו פּאָלעמיזירן.

צוויי טעג זענען די אַראַבער פאַרשוואונדן פון דער קאזינע אין תל־אָביב. אויפן דריטן טאָג האָבן זיי זיך איבע־געבעטן און זענען געקומען.

און בירגערמייסטער דיזענהאָף איז געזעסן מיט זיי ביי איין טיש און מען האָט זיך איינער דעם אַנדערן געזאָגט גרויסע העפלעכקייטן און גע־בייגט זיך און געשמייכלט...

IV

דער פּורים קאַרנאַוואַל אין תל־אביב

די ערשטע עטלעכע טעג אין אַ נייעם לאַנד זענען פאַר יעדן רייזנדן — די האָניק־טעג. אַלע איינדריקן זענען ניי, נישט אָפּגענוצט; אַלץ, וואָס מען זעט, וועקט דאָס געפיל און דעם געדאַנק. ערשט ווען מען לעבט זיך אַ ביסל איין אין לאַנד, ווען דער ערשטער רויש גייט־פאַרביי, רופט זיך אָן אין דער נשמה די סקעפּטישע חכמה פון אַלטן קהלת: אֵין כל חדש (נישטאָ קיין נייעס).

דערווייל אָבער לעבט מען אין אַ ליבן שכרות פון די חושים.

אָבער אין ארץ־ישראל געדויערט דער רויש לענגער, און ער איז פיל שטאַרקער, ווי ערגעץ אַנדערש.

און דאָס שטאַמט דערפון, וואָס אין ארץ־ישראל האָט איר שטענדיק עפּעס ענלעכס צו אַ גרויסער נאַציאָנאַלער אויסשטעלונג; דאָס לאַנד איז פול, איבערפול מיט מוסטערן פון דער יידישערווירקלעכקייט.

אַלץ, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט ערגעץ אין דער יידישער צעשפּרייטקייט, האָט דאָ אַ פּאָר־שטייער.

אויך קיין ניו־יאָרק קומען־אָן שטראָמען יידן פון אַלע עקן וועלט, יידן פון די פאַרשידנסטע טיפּן, יידן מיט אַלע זייערע גלייכקייטן און קרומקייטן,

אָבער זיי ווערן אַלע פאַרשוואונדן אין די „שאַפּן״, זיי ווערן אַריינגעצויגן אין דער גרויסער, גרויסער מאַשין, וואָס אַרבעט אַזוי האַסטיק און גיך, און איר דערקענט זיי מער נישט.

די פיזישע און גייסטיקע סטרוקטור פון די יחידים ווערט אָפּגעמעקט, אָפּגעווישט.

דאָ, אין ארץ־ישראל, שפּילט זיך אַלץ אונטער דער דרום־זון פּראַנק און פריי, אַזוי ווי גאָט האָט עס געבוירן, אין דער נאַטירלעכער פיזיאָנאָמיע און טראַכט.

וויפל טיפּן יידן האָט איר נישט דאָ! ס איז מיר שווער זיי אויסצורעכענען.

אשכנזישע יידן, ספרדישע, אַראַבישע (פון אַרם נהרים), תימנער, בוכאַרער, מאַראָקער, פּערסישע, בערג־יידן („גאָרצי״), און נאָך, און נאָך.

אין ירושלים האָט איר אַ ריכטיקע, פּיקס־און־פּאַרטיקע, לעבעדיקע נאַציאָנאַלע גאַלעריע פון אַלערליי יידישע טיפּן, מיט זייערע טראַכטן, מיט זייערע שפּראַכן, מיט זייערע מנהגים און זייער לעבנס־שטייגער.

און קיינער קימערט זיך נישט וועגן דעם לעבעדיקן אוצר!

טויזנטער פונטן ווערן אויסגעגעבן אויף אויסצוגראָבן פון דער ערד אַ שטיק באַגראָבענע געביידע. אפשר, אפשר וועט מען פון איר עפּעס קענען געוואָר ווערן וועגן דער אַלטער היסטאָריע.

און דאָ וואַלגערן זיך אין די גאַסן פון ירושלים לעבעדיקע מאָנומענטן, וואָס מע דאַרף זיי

נישט אויסגראָבן, נאָר פשוט גיין פון הויז צו הויז מיט אַ בלייפעדער און פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, צו פאַרצייכענען די אַלע אַלטע מנהגים, לידער, לעגענדעס און ארויסצובאַקומען די בילדער פון די מענטשן, זייער אַנטוועכץ, זייער לעבן א. א. וו.

עס איז נישט בלויז קיין פאָלקלאָריסטישע אַרבעט, וואָס וואָלט געוויס געגעבן אַן איבערראַשנדיקן מאַטעריאַל: איך בין זיכער, אַז אַ גרינטלעכע אַרבעט אויף דעם געביט וואָלט רייכער געמאַכט די יידישע היסטאָרישע וויסנשאַפט און וואָלט נישט איין רעטעניש אויפגעקלערט.

אָבער ארץ־ישראל האָט איר אידעאָלאָגיע. דאָס איז די טעאָריע וועגן „גלות". וואָס איז אַלץ נישט „גלות"!

די יידישע שפּראַך — פאַרשטייט זיך, זי איז אין אַ פאַרמעלן חרם. אָבער צוזאַמען מיט דער יידישער שפּראַך האָט אויך דאָס יידישע פאָלקסלידל אַ שלעכטן מזל און די גאַנצע יידישע פאָלקסטימלעכקייט, אַלץ — וואָס האָט זיך געשפּינט און געוועבט אין פאַרלויף פון 2000 יאָר!

און דער פּערסישער, דער בוכאַרער, דער תימנער ייד מיט זיין שפּראַך, זיינע מנהגים און זיין פאָלקסטימלעכקייט, זענען — „גלות", כאָטש נישט קיין געפערלעכער „גלות", אַזוי ווי די יידישע שפּראַך איז. אָבער „גלות" איז עס, און אויב עס איז נישט אין „חרם", אַזוי ווי די יידישע ליטעראַטור, אָבער זיך אָפּגעבן דערמיט האָלט קיינער נישט פאַר נייטיק.

איך האָב גערעדט מיט עטלעכע ירושלימער אייגוואוינער וועגן דעם ענין. וואָס פאַר אַ פּרעכטי־קער אַלבאָם דאָס וואָלט אַרויסגעקומען, ווען מען זאָל זאַמלען די אַלע טיפּן; ווי ווערט וואָלט געווען די מי, צו פאַרגלייכן צווישן זיך דימנה גים פון די אַלע פאַרשידענע יידן.

אַלע האָבן מיר מודה געווען, אַז דאָס וואָלט געווען אַן אינטערעסאַנטע, זייער באַלערנדע אַרבעט. קיינער אָבער האָט דעם מינדסטן אינטערעס דער־אַר נישט געהאַט.

עס איז נישט אין סטיל פון ארץ־ישראל.

אָבער דער רייזנדער, וואָס קומט קוקן מיט אָפענע אויגן און נישט דוקא מיט ספּעציעלע כוונות און טעאָריעס, ווענדט זיין בליק אומגערנווייליק אויף די פאַרביקע נייע איינדריקן פון עפּעס, וואָס אין פלוג איז עס גאָר פרעמד, און דאָך — אַזוי נאָענט.

מיין שטיוול־פּוצער אַלע אין דער פרי איז אַ יונגער תימנער ייד. ער שטייט מיט זיין קעסטל אויף רחוב־הערצל, און אויב איך האָב פאַרפעלט א טאָג, האָט ער צומאָרגנס צו מיר טענות: „אדון, אדון לא היית אתמול!" (דו ביסט נעכטן נישט געווען!).

געשיקט טוט ער זיין מלאכה, און איז איין שוך פאַרטיק געפּוצט, גיט ער אַ קלונג גאוהדיק מיטן גלעקל, איך זאָל מיך אויפכאַפּן פון מיינע מחשבות און אַוועקשטעלן דעם צווייטן פוס. אַ דאַר, מאָגער פּנים האָט ער, ווי אַלע פון זיין שטאַם. זייער לעבעדיקע אויגן, זיין גאַנצער גוף איז קנאָ־כיק, הויט און ביינער, דוכט זיך, אָבער דער דאָ־

זיקער גוף איז צוגעפּאַסט צו די שווערסטע אַרבעטן, צו טראָגן די גרעסטע משאות, איבערצוטראָגן היץ און דורשט; אַזוי ווי דאָס קעמל, וואָס שטאַמט אַזוי ווי ער, פון די אַראַבישע מדבריות, איז ער געדולדיק און אַרבעטס־פעיק און, אַזוי ווי ביי דעם קעמל, ווייעט פון זיין גאַנצן וועזן אַן אינטערטעניקייט צוגלייך מיט עפּעס אַן אַריסטאָקראַטישן זעלבסטגעפיל.

צי האָט איר געזען, ווי אַ קעמל, איבערגעלאָדן פון ביידע זייטן מיט אַ שווערער משא, מאַרשירט ריטמיש, קוקט שטאָלץ און פילאָזאָפיש־רויק, טוט זיין חוב, ווי איינער, וואָס זאָגט: איך בין טאַקע די צירונג פון דער וועלט, אָבער ס׳איז אַ גורל, אַ מזל אַזוינער, צו שלעפּן משאות פאַר די לויפנדיקע נערוועישע מענטשעלעך!

אָט אַזאַ איינדרוק מאַכט מיין שטיוול־פוצער.

ער איז אויסערלעך אַן אונטערטעניק באַשעפעניש, אָבער פון זיינע שוואַרצע בלאַנקענדיקע אויגן בליצט אַרויס אַזאַ איראָניש שמייכעלע...

די תימנער יידן האָבן אַן איינגעבוירענע גרויסע אינטעליגענץ.

זיי זענען אַלע תלמידי־חכמים, טראָגן געקרייזלטע פאות און טוען דערביי די שווערסטע אַרבעטן. דער תנא ר׳ יצחק נפחא האָט געמוזט זיין פון זייער שטאַם.

די אַראַבישע האַלב־אינזל האָט אין פאַרלויף פון לאַנגע דורות זיי געבאַקן אין איר באַק־אויוון, האָט זיי צוגעגעבן פיל פון כאַראַקטער פון די

מדבר־קינדער. אויך זייער טראַכט און זייער שפּראַך איז אַראַביש (אַחוץ די געקרייזלטע פּאות), אָבער נאָר דאָס נישט־געניטע אויג קאָן האָבן אַ טעות צו פאַרוועקסלען זיי מיט די אַראַבער. דער טיפּ איז אַן אַנדערער.

זיי האַלטן זיך זייער ריין. אויך דאָס האָבן זיי געירשנט אפשר פון די אַלטע אבות זייערע, אַמאָל, אַמאָל אין ארץ־ישראל, ווייל פון זייערע שכנים, וואָס צייכענען זיך בשום אופן נישט אויס מיט ריינקייט, האָבן זיי דאָס געוויס נישט געקאָנט לערנען.

אין צעריסענע זעק, אָנשטאָט מלבושים, קומען זיי אָן פון תימן (יעמען), וואָס ביים פּערסישן גאָלף, אָבער אין דער צעריסנקייט באַווייזן זיי די קונסט, זיך צו האַלטן ריין.

די עליה קיין ארץ־ישראל איז פאַר זיי און פאַר דעם לאַנד אַ גליק. פאַר דעם לאַנד — ווייל זיי זענען דער פּאַסיקסטער עלעמענט אויף אַלע רויע שווערע אַרבעטן, וואָס פאָדערן געדולד, אויס־געהאַלטנקייט און — אַ מינימאַלן לוין, לויט דעם שטייגער פון די אַראַבער. דער תימנער ייד איז צוגעבונדן צו ארץ־ישראל און האָט דאָס לאַנד ליב, נישט ווייניקער ווי אונזער חלוץ, און דערצו קומט נאָך צו, וואָס פון דער היים־אויס איז ער געוואוינט צו אַ פיל שווערער לעבן, ווי אין ארץ־ישראל. פאַר דעם תימנער ייד איז די עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל דאָס אייגענע, וואָס פאַר אַ ייד פון אַ קליין שטעטל דאָס איבערוואַנדערן קיין ניו־יאָרק, ד. ה.

אַן אויפשטייג צו אַ העכערער מאַטעריעלער קולטור, צו אַ העכערן לעבנס־שטייגער, צו אַזויגע וואוילטאָגן, וואָס אין דער היים האָט ער דערפון נישט געקאָנט חלומען.

דער תימנער איז דער נאַטירלעכער עמיגראַנט קיין ארץ־ישראל.

און אַזוי ווי רעליגיעז זענען זיי, זענען זיי אַלץ זיכער, אַז די גאולה האָט זיך שוין אָנגעהויבן, אַז היינט — מאָרגן וועט פון ערגעץ זיך באַווייזן משיח אויף אַ ווייס פערד, און וועט אַריינרייטן אויפן הר־הבית, און מען וועט בלאָזן אויף די גרויסע שופרות, און די וואונדער פון דער וועלט וועלן פאָרקומען.

זיי וואַרטן בוכשטעבלעך אויף משיחן, יעדן טאָג.

פאַראַן ביי זיי אַ ווערסיע, אַז הערבערט סעמועל — דאָס איז דער משיח בן יוסף, וואָס דאַרף זיך, ווי באַוואוסט, באַווייזן איידער משיח בן דוד וועט קומען.

נאָר די חלוצים מיט זייער אפיקורסות זענען פאַר זיי אַ רעטעניש.

דער תימנער פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס דער חלוץ, וואָס היט נישט אָפּ די תורה, זאָל זיך אַזוי מוסר־נפש זיין פאַר ארץ־ישראל.

ער קוועטשט מיט די פלייצעס ביי דעם רעטעניש.

די ליבע צו ארץ־ישראל דערגייט ביי די תימנער צו עקסטאַז.

אין דעם אייגענעם טאָג, ווען איך בין אָנגע־קומען קיין תּל־אביב, איז אַהין אָנגעקומען אַ פּאַר־טיע פון 17 תּימנער עמיגראַנטן. זענען זיי געגאַנ־גען מיט אַ ספר־תּורה און האָבן געזונגען זייער זמירות (זיי זינגען אָן מייסטן די העבּרעישע פּערזן פון דעם באַרימטן אַלטן משורר ר׳ ישראל ניאַגאַראַ), האָבן זיך געוואָרפן צו דער ערד און זי געקושט.

ס׳איז פּאַר זיי געווען — די ריכטיקע גאולה, מאַטעריעל און גייסטיק.

דער דאָזיקער שטאַם איז נאָך פעיק צו אַ ברע־נענדיקן רעליגיעזן עקסטאַז פון די דערווישן.

איך האָב אין צווייטן טאָג פון מיין זיין אין תּל־אביב נאָטירט אין מיין נאָטיץ־ביכל:

דער תּימנער ייד איז דער בעסטער נאַטיר־לעכסטער עלעמענט אויף צו בויען ארץ־ישראל, מיר, די אייראָפּעער, וועלן אויף אַ צייט לאַנג אַרבעטן מיט אידעאַליזם, און די אָנפירערשאַפט וועט זיך געפינען אין אונזערע הענט.

אָבער דער תּימנער ייד איז נישט בלויז אַן אַרבעטס־קראַפט, אויך זיין נשמה איז נאָך נישט אויסגענוצט, ווי דער גייסט, למשל, פון פרענקישן ייד, וואָס האָט שוין אַלע ווינקלען פון דער וועלט געזען און צווישן אַלע קולטורן געלעבט.

אויף דעם תּימנער ייד וועט ערשט קומען די צייט פון דערוואַכונג דאָ, אין ארץ־ישראל. ער קאָן אונז נאָך אַמאָל געבן איבערראַשונגען.

שוין איצט ווייזט ער זיך אַרויס פאַר פעיק אויף איינצולעבן זיך אין אייראָפּעישע פאָרמען. ער

איז אַ גוטער חבר אין דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע; דער יונגער דור קליידט זיך אייראָפּעיש; דער יונגער תימנער ייד אָריענטירט זיך טיילמאָל אַפילו אין די פאַרפּלאָנטערטסטע טעאָריעס פון די „פּועלי־ציון", און מען האָט מיר דערציילט, אַז די לינקע „פּועלי־ציון" פאַרמאָגן אַ פייערדיקן אַגיטאַטאָר און זייער אַ פעיקן רעדנער אין דער פּערזאָן פון אַ תימנער יונגנמאַן.

און אויף די גאַסן פון תל־אביב בליצן אַמאָל ווילד אויף צווי פייערדיקע שוואַרצע אויגן — דאָס איז דער בליק פון אַ יונגער תימנקע, וואָס האָט זיך שוין אייראָפּעיזירט, אָבער דאָס שמאָלע, קנאָכיקע, פיין־געשניצטע פּנים איז געבליבן, און די ווילדע אויגן זענען געבליבן.

אין די ערשטע טעג פון מיין זיין אין תל־אביב האָב איך געהאַט אַ צווייטע איבעראַשונג: די פּערסישע יידן האָבן געשפּילט דאָס אחשורוש־שפּיל אין דעם קינאָ־זאַל „עדן".

זיי האָבן אַ חזקה אויף אחשורושן, ער איז דאָך זייער מלך.

דאָס שפּיל — ווי דאָס שפּיל. דער העברעיִשער טעקסט איז אָנגעשריבן באַנאַל פון אַ העברעישן לערער. אָבער די אויספירונג, די רייך־דעקאָרירטע סצענע מיט פּערסישע טעפּיכן, די מעלאָדיעס און די טענץ — דאָס אַלץ איז געווען אַזוי ביי, אַזוי עקזאָטיש, אַזוי — פּערסיש, אַז איך בין זיכער, ווען דאָס שטיק וואָלט געשפּילט געוואָרן ערגעץ אין אייראָפּע, אין בערלין, למשל, וואָלטן

די צייטונגען געהאַט דערפון צו שרייבן וואָכן נאָכ־אַנאַנד.

ממוכן איז געווען דער לץ, דער הויף־נאַר. דער הומאָר האָט זיך אויסגעדריקט מער אין קאָמישע זשעסטן, ווי אין ווערטער.

גאָר וואָס אסתּר־המלכּה? איז געווען... אַ גע־באָרגטע, אַן אשכּנזיש מיידל, אַ חלוצה.

אַ פּערסיש מיידל, אָדער ווייבל, וועט זיך דאָך נישט ווייזן פאַר אַן עולם מאַנסבילן.

און נאָך דערצו אָפן פאַר אַלע אין אַ טעאַ־טער.

V

צי קענסטו דאס לאנד?

פאַרוואָס ווייסן מיר אַזוי ווייניק וועגן ארץ־ישראל? פאַרוואָס ווייסן מיר גאָר־גאָר־גאָרנישט? —

איר מוזט מיט אייערע אייגענע אויגן זען די ליכטיקייט אין דעם לאַנד, אָטעמען איר לופט, כדי איר זאָלט אָט אַזאַ פראַגע שטעלן.

און כדי איר זאָלט זוכן אַן ענטפער אויף איר.

איר האָט געוואוסט פון ארץ־ישראל:

איר לענג און ברייט; די נעמען פון אירע בערג און טאָלן; די באַלפור־דעקלאַראַציע; די אַראַבישע פראַגע... וואָס אייגנטלעך האָט איר נישט געוואוסט? —

ס'איז אַ קליין לאַנד, און אַזוי פיל איז וועגן איר געשריבן געוואָרן. איר זאָלט אויסלייגן אַלץ, וואָס איז וועגן איר געשריבן געוואָרן, וועט עס קאָנען צודעקן דעם גרעסטן טייל פון איר אויבערפלאַך.

און וואָס האָט מען אייך נישט אַלץ דערציילט אַרום ארץ־ישראל, אין צוזאַמענהאַנג מיט ארץ־ישראל?

מען האָט אייך 100 מאָל מיאוס־און־מאוס געמאַכט אייער אייגן לעבן אין „גלות” (אַ שטייגער, די ווירקלעכקייט איז געווען צו־ווייניק און מען האָט זי באַדאַרפט נאָך פאַרגרעסערן); מען האָט אייך

נעמאָלט די בילדער פון שרעק און פּאָגראָמען אין „גלות" און די אידיליעס פון „יעדער אונטער זיין פייגנבוים און טייטלבוים" אין ארץ־ישראל...

אָבער וואָס האָט איר געוואוסט וועגן ארץ־ישראל!

איך האָב נישט געוואוסט דעם עיקר: אַז דאָס לאַנד פאַרמאָגט אַזאַ האַרציקע שיינקייט!

„צי קענט איר דאָס לאַנד, וואו די ציטרינען בליען?" — האָט געטע געשריבן וועגן איטאַליע.

און זינט די יאַפּאַנער האָבן איבערגענומען די אייראָפּעישע ציוויליזאַציע און האָבן זיך אויסגעלערנט אויסגעצייכנט שיסן פון האַרמאַטן, פון דעמאָלט־אָן ווייסן מיר, אַז אין יאַפּאַן בליט פרילינג־צייט דער קערשן־בוים אַזוי שיין, אַז דאָס גאַנצע לאַנד ווערט איינגעהילט ווי אין איין ווייסן חלום.

און ארץ־ישראל — דאָס קלאַסישע לאַנד פון בליעכץ — פאַרוואָס ווייסן מיר גאָרנישט דערפון!

די סדרה פון בליען, וואַקסן, צייטיקן און שניידן גייט אין ארץ־ישראל כמעט אַ קיילעכיק יאָר נאָכאַנאַנד.

אין חדש אדר, ווען איך בין אָנגעקומען פון אַ לאַנד פון פראָסט און שניי, האָבן דאָ די מאַנדלען געבליט.

זיי הייבן־אָן די ריי באַלד נאָך דער רעגן־צייט.

און ביי אַ צעפּלאָסטענער צעגאָסענער ליכטיקייט פון דער פרימאָרגן־זון האָט ביי דער סטאַציע רחובות אַ ווייסער שימער פון בליענדע מאַנדל־ביימער מקבל־פּנים געווען אונזער צוג, וואָס האָט אונז אַהערגעבראַכט פון מצרים, מידע און נישט־אויסגעשלאָפענע.

די ערשטע יידישע קאָלאָניע פון אַלטן ישוב איז עס געווען, וואָס האָט אונז אָפּגעגעבן דעם גוט־מאָרגן דורך די פענסטער פון וואַגאָן.

אין רחובות האָבן מיר דערפילט צום ערשטן דעם אָטעם פון יידישן ארץ־ישראל. עטלעכע יידי־שע קאָלאָניסטן, חלוצים, העברעיש מיט דער הברה־הספרדית.

און פון דרויסן האָבן צו אונז געוואונקען געדיכטע פּלאַנצונגען, גרינס און שאָטן, שאַרפע ריחות, — די מאַנדלען האָבן געבליט!

אַ חודש שפּעטער בליען די פּאָמעראַנצן און פאַרשכורן מיט זייער ריח. דער גאַנצער שטח אויף אַ ווייטער שטרעקע איז אויסגעפּאַרפומירט.

צוגלייך בליט דער בעז, וואָס איז געראָטע־נער צעוואַקסן ווי אונזער היימישער, מיט שוואַרצע קווייטלעך אין דער מיט, און זיין ריח איז זאַפטיק און שטאַרק. די רויטע פלאַטערדיקע מאָן־בלום וואַקסט דעמאָלט ווילד פון צווישן די פעלזן־שפּאַלטן אַרויס.

פּסח־צייט בין איך געווען אין פּסח־תקוה (אירע פּאָמעראַנצן מיט דעם נאָמען „פּעטאַח־טיקוואַ" האָט מיר אַן עגיפּטישער אַראַבער, אַ סוחר

פון פרוכטן, גערימט). איך בין אַ גאַנצען טאָג גע־
ווען ווי אין אַ האַלבן שכּרות פון די שאַרפע ריחות
וואָס דער ווינט האָט אָנגעיאָגט פון די „פּרדסים"
און פון די בעז־ביימער. דער קאָפּ האָט זיך גע־
דרייט פון צופיל וואויל־גערוך.

באַלד נאָך דער פּאָמעראַנצן־צייט צייטיקט
דער טוט, אַ מין ווילדע פלוים, וואָס וואַקסט דאָ
אין די מענגעס.

און אויפן צפון פון לאַנד, אויבן אין גליל,
שניידט מען שוין די גערשטן, און מען גראָבט־
אויס די מעלאָנען און אַרבוזן.

קעגן שבועות צייטיקן די איבעריקע תּבואות:
ווייץ, קאָרן און האָבער.

און באַלד דערנאָך קומט די ריי אויף די
ווייַנטרויבן. דערנאָך, צום סוף זומער און אָנהייב
הערבסט — אויף די פּאָמעראַנצן, ציטרינען און
אתרוגים.

און די אייל־ביימער (זיתים) שיטן־אָפּ זייער
פּרוכט.

די גרויסע ווערקשטאַט פון דער נאַטור האָט
דאָ אַ גאַנץ יאָר אַרבעט.

דאָ שלאָפט די נאַטור נישט איין, קאָרטשעט
זיך נישט צוזאַמען, אַזוי ווי אַ בער אין דער נאָ־
רע, צו וואַרטן אויף אַ ווידערגעבורט. זי רוט אָפּ,
ווי אַ יונגע בעל־הביתטע, און פרייט זיך מיט אַלץ,
וואָס זי האָט צוגעגרייט.

דאָס איז די רעגן־צייט, דעמאָלט, „ווען
אַ וואָלקן גייט אויף פון ים אָנצוטרינקען די ערד",

וואָס האָבן מיר, די מענטשן, וואָס וואוינען ביי די גרויסע וואַסער־רייכע טייכן, אין לענדער פון רעגן, נעפּל און שניי — וואָס האָבן מיר דען פאַר אַ באַגריף פונם ווערט פון דער פּליסיקער ברכה, וואָס הייסט וואַסער!

דאָרט, אין די לענדער, וואו דער זון מיט זיין טרוקענער ווייסער מדבר לויערט פון אַלע זייטן, ווייסן מענטשן צו שעצן דעם ווערט פון וואַסער, פון רעגן און טוי און פון שלאַגנדיקע קוואַלן.

די ברכה פון גאָט איז דאָ דאָס וואסער; די קוואַלן, וואָס שלאָגן פון צופוסן פון די בערגער, זענען גאָטס מתּנה און לייטזעליקייט. וואו עס שטראָדלט פון דער ערד אַרויס דער קוואַל, דאָרט האָט זיך פון אַלטע צייטן אָן געקלאַמערט אַ ישוב פון מענטשן.

און די צווייטע ברכה איז דאָ דער שאָטן.

דער מענטש זוכט דאָ נישט די זון, ווי ביי אונז, נאָר ער זוכט זיך וואו צו באַהאַלטן פון איר.

יונה הנביא האָט זיך פאַרשטעקט פון דער זון אין זיין „קיקיון" אויף צו האָבן זיין וויזיע.

ליידער, זענען זעלטן דאָ די וועלדער און די באַשאָטנדיקע ערטער.

די איילבירטן און די ברושים (ציפּרעסן), וואָס זענען אַממייסטן פאַרשפּרייט איבערן לאַנד, גיבן אַ קנאַפּן שאָטן.

ערשט אין דער לעצטער צייט, צוזאַמען מיטן נייעם ישוב, איז איינגעפירט געוואָרן דער עקאַליפּ־

טוס־בוים, וואָס צעוואַקסט זיך ברייט און גרויס אין זייער אַ קורצער צייט.

די דייטשע קאָלאָניע שרונה, נעבן יפו, פאַרמאָגט אַזאַ שאָטנדיק וועלדל פון עקאַליפּטוס־ביימער, און פון תל־אביב קומט מען אַהין אויסרוען אין שאָטן.

חדרה פאַרמאָגט אַ שיינעם וואַלד, פאַרפלאַנצט דורך די יידישע קאָלאָניסטן, דער וואַלד, וואָס האָט ענדלעך דאָס געלע פיבער פאַריאָגט פון דעם אָרט.

און אויפן כרמל האָבן די דייטשן פאַרפלאַנצט אַפילו נאָדל־ביימער, און דער רייכער יידישער האָטעל מיטן נאָמען „הרצליה” רוט אין אַ שאָטן פון סאָסנע־ביימער.

אַזויפיל איז נאָך געבליבן אויפצוטון אין דעם לאַנד. ליידער, געפינט זיך נאָר אַן ערך 5—7% פון דער ערד אין יידישע הענט.

איך בין געפאָרן צווישן די הרי־יהודה מיט דער באַן פון לוד קיין ירושלים. ס'איז אַ טרויעריקע קלעמענדיקע שיינהייט, וואָס רוט אויף די בערגער. דורך טויזנטער יאָרן פאַרוואָרלאָזטקייט האָט דער רעגן אָפּגעשווענקט די דינע שיכט ערד, וואָס פון אויבן, און שטיינער, שטיינער, שטיינער קוקן אויף דיר פון אַלע זייטן!

„והיתה ארצך צחיח סלע” — איז איינע פון די קללות אין דער תוכחה. „און דיין לאַנד וועט זיין אַ גלאַטיקער פעלז”. אָט ליגן עטלעכע קילאָמעטער פון דאַנען בליענדיקע פעלדער און גערטנער, און

דאָ קוקט דער פעלז אַרויס פון אַלע זייטן און דער־ציילט דיר, אַז די ערד איז דאָ אַן עקרה געוואָרן, נאָר וואָס די רויטע מאָן-בלום קלאַמערט זיך ערגעץ אָן דעם פעלז.

אונטן ליגט איינגעגראָבן דער נחל־שורק, דער טייך שורק הייסט עס, אָבער איר זעט נאָר דאָס בעט פון טייך, נישט קיין וואַסער.

די באַן־ליניע שלענגלט זיך צוזאַמען מיט דעם נחל, וואָס האָט זיין וועג אויסגעגראָבן צווישן די בערג; דאָס בעט פון טייך איז פון ווייסע שטיינד־לעך, אָבער טרוקען איז ער, דער „נחל", איצט. דער מלקוש, דער שפעטער־רעגן, איז היי־יאָר נישט געקומען, און פון דער גרויסער פריערדיקער רעגן־צייט איז קיין לעק וואַסער מער נישט געבליבן.

וואַנדלט־אַרום אַ יונגער אַראַבישער פאַסטוך מיט זיין קליינער קו, וואָס איז נישט גרעסער ווי אונזערס אַ קאַלב, וואַנדלט לענג־אויס דעם נחל־שורק, און זוכט ערגיץ־וואו אָנצוטרינקען זיין קו. אָט האָט ער פון וויטן דערזען אַ קליינע ברודיקע קאַלוזשע אין מיטן פון דעם ווייסן שטעג, און דור־שטיק און פאַרמאַטערט איילט ער אַהין. צוויי דריי לעק, און דער „שורק" איז אויסגעטרונקען!

ווידער איז אַ ווייסער וועג פון קליינע שטיינד־לעך, וואָס דער שטראָם האָט דאָ געקייקלט אין דער רעגן-צייט, און מער גאָרנישט.

און אין מיטן דער וויסטקייט שטעלט דער צוג זיך אָפּ ביי אַ סטאַציע בעטהאַר (צי דאָס

אַלטע ביתּר?), און בליענדיקע פעלדער, גרינע זיתים און מאַנדל־ביימער זעסטו פּלוצלינג זיך באָדן אין דער ליכטיקייט.

וואָס איז?

אַ קוואַל וואַסער האָט דאָרט דער פּעלזיקער באַרג אַראָפּגעלאָזט פון זיך, און די געגנט האָט אויפגעבליט!

ס'איז אַ מאָדנע געפיל, וואָס באַפאַלט אייך, ווען איר זענט צווישן די הרי־יהודה.

ס'איז דאָרט צו זען שפּורן פון שווערער מי־זעליקער אַרבעט פון פאַר טויזנטער יאָרן. איר זעט די צייכן פון די טעראַסן (שטופן) כמעט אומעטום. דער אַמאָליקער קאָלאָניסט פון ארץ־ישראל האָט דאָ נישט געהאַט קיין לייכטע אַרבעט קעמפנדיק אויף אַרויסצובאַקומען פון דעם באָדן דעם פּרוכט. כּדי דער רעגן זאָל נישט אָפּשווענקען די פּרוכט־ברענגענדיקע שיכט ערד, האָט ער געבויט די טעראַסן, און אין זעק האָט ער יעדעס יאָר געמוזט שלעפּן פון בעט פון „נחל־שורק" פרישע ערד אויף צו דערפילן, וואָס דער רעגן האָט אַוועקגעטראָגן.

דאָס לאַנד איז קליין, און ארץ־ישראל האָט געמוזט אַמאָל האָבן אַ שטאַרקע איבערבאַפעלקערונג (אין די לעצטע יאָרן פון פאַרן חורבן בית־שני), און דער מענטש האָט געמוזט אָנשטרענגען אַלע זיינע כּוחות אויף זיך צו דערנערן.

וויסט זענען די הרי־יהו־ה, אין אַ פאַרשטיינערטער טרויעריקייט קוקן זיי אָן דעם וואַנדערער,

אָבער אַ טרויעריקייט איז עס, וואָס באקט זיך איין אין הארצן.

די הרי־יהודה זענען פון די בילדער, וואָס, האָסטו זי איינמאָל געזען, וועסטו זיי מער נישט פארגעסן.

VI

צווישן ארבעטער

וואָס קאָנט איר אַלץ נישט אין איין־איינציקן טאָג דורכלעבן אין ארץ־ישראל!

היט אייך פאַר דעם נשמה־פיבער!

ס'איז נישט דאָס פיבער, וואָס קומט פון די זומפן, וואָס צעגליט דעם גוף און קילט אים ווידער אָפּ און וואַרפט אים אין קדחת.

אַ ג י י ס ט י ק ע ר פיבער איז דאָס, אַ פיבער פון דער נשמה, און אַ רייזנדער מיט אַ קריטיש אויג מוז דערויף קרענקען, ביז... ער געוויינט זיך צו.

אָבער דאָס האָט פּאַסירט די ערשטע טעג פון מיין זיין אין לאַנד. מיין נשמה איז נאָך נישט גע־ווען פאַרהאַרטעוועט.

קאָנט איר, אין אַזאַ צושטאַנד, האָבן אין דער פרי 40 גראַד היץ און אַנטציקונג פון אַלצדינג, וואָס איר זעט, און אויף אָוונט־צייט פאַלט אייער גייסטי־קע טעמפּעראַטור ביז צום מינימום.

ווייל אין ארץ־ישראל איז אַלץ אָפּהענגיק דער־פון, ווי אַזוי איר זעט און נישט פון דעם, וואָס איר זעט.

אין ארץ־ישראל מוזט איר שטענדיק צורעכע־נען, אָדער אַראָפּרעכענען אַן „עפּעס", וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקן מיט ציפערן און אַפילו נישט לאָגיש פאָרמעל באַצייכענען.

און דער „עפּעס" איז דאָך פאַראַן. דאָס איז

אַ ממשיתדיקע זאַך, אַן אַטמאָספער, וואָס אַלץ לעבט און אָטעמט דערין.

אויף דער גאַס קאַריענטעס אין בוענאָס־איי־רעס פלעג איך ליב האָבן אומדרייען זיך אין דעם ווינקל, וואו די גרינע און אַרבעטסלאָזע האָבן גע־האַט זייער צוזאַמענקופט.

אומגליקלעך און פאַרלוירן איז דאָ געווען דער אָנגעקומענער, וואָס האָט נישט געפונען באַלד קיין באַשעפטיקונג אין זיין פאַך.

און זיי האָבן געשאָלטן און זיי האָבן גע־פלוכט: „פאַרוואָס האָט מען אונז אַהערגעבראַכט?" (קיינער, אין אמתן, האָט זיי נישט אַהערגעבראַכט); „וואָס האָט מען זיי פאַרדרייט דעם קאָפּ?" (קיינער, אין אמתן, האָט זיי נישט פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַחוץ דעם נאַטירלעכן עמיגראַציע־דראַנג). יעדן אינטעליגענט, און מיך בכלל, זענען זיי געווען גרייט צוצערייסן.

און זיי אַלע האָבן דאָך געהאַט די מעגלעכ־קייט צו גיין אַרבעטן ביי די באַנען.

אָבער ביי די באַנען איז די אַרבעט געווען אַ קאַטאָרזשנע. מען האָט פאַרשיקט ערגעץ־ווייט אין אַ וויסטן מדבר, מען האָט געלעבט אין געצעלטן און באַצאָלט האָט מען קוים 4 פעזאָס (אַן ערך 6–7 גאָלד־מאַרק) אַ טאָג.

צי דערצו איז ער אַהערגעקומען, צו אַרבעטן אַן עבודת־פרך, קוים צו פאַרדינען אויף ברויט, און צו לעבן אין אַ מדבר?!

און ביי דער אייגענער אַרבעט, און נאָך אַ פיל שווערערער, ביי אַ פיל קלענערן פאַרדינסט (פון

אַן ערך 4—3 גאָלד־מאַרק) איז דאָ, אין ארץ־ישראל, אַ „חלוץ״ גליקלעך און איבערגליקלעך.

זאָל נאָר די אַרבעט זיין! לײדער האָט זיך די אַרבעט ביי די שאָסייען געענדיקט.

דאָס לעבן אין געצעלט, וואָס אין אַרגענטינע איז עס פאַר אים דער סימן פון דער גרעסטער דערנידערונג און געפאַלנקייט, האָט דאָ דעם רייץ פון פיאָנערטום; אַרום איז אַן אַטמאָספער פון חבר־שאַפט, פון נאָנטקייט; דאָס פיבער איז נישט שרעקלעך, ווייל ווען ער ווערט קראַנק, ווערט ער נישט אַרויסגעוואָרפן ווי אַ געפאַלן פערד, נאָר פאַר אים ווערט ברידערלעך געזאָרגט. און אין שפּיטאָל, וואו ער דאַרף אָפליגן זיין צייט, געפינט ער נאָנטע, אייגענע מענטשן; פון דער קאַרגער שפּייז לאַכט מען זיך אויס; און די חלוצה, וואָס פאַרמאָגט נאָר איין־איינציקע בלוזע, וואַשט זי אויס פאַר זון־אויפגאַנג, און אין צוויי שעה אַרום איז זי ווידער ריין און ציכטיק געקליידט.

ווער דאַרף זיך דאָ פראַנטעווען און פאַרשעמען?

וואָס איז דאָס דאָך, וואָס ביי די אייגענע נאָך ערגערע אָביעקטיווע באַדינגונגען, פירט דער אַרבעטער דאָ אויף יעדן פאַל אַ מענטשלעך ערטרעגלעך ווירדיק לעבן, און דאָרט, אין אַרגענטינע, ביי (אָביעקטיוו גענומען) בעסערע באַדינגונגען, פילט ער זיך אַזוי פאַרלוירן, אַזוי אומגליקלעך, פאַרשאָלטן און פאַרוואָרפן פון וועלט און מענטשן?

„ראָמאַנטיזם״ וועט איר זאָגן? גוט. זאָל עס

זיין ראָמאַנטיזם; ווי זאָגט דאָס פאָלקס־ווערטל: אבי צום געזונט.

זענען דאָך די עקאָנאָמישע באַדינגונגען נישט מער ווי אַ מיטל אויף גליקלעך זיך צו פילן, נישט דאָס גליק אַליין.

פאַראַן גליקלעכע אין ארץ־ישראל.

אָבער דאָס אינערלעכע גליק־געפיל, דאָס גע־פיל פון אינערלעכער צופרידנקייט קאָן אָנהאַלטן — ערשטנס: נאָר אַ באַגרענעצטע צייט, די ערשטע יוגנט־לעכע יאָרן; צווייטנס, עס איז אָפּהענגיק פון אַ גייסטיק־פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד: פאַרלירט אַ חלוץ די אמונה אין דעם, וואָס ער טוט, וואָס בלייבט אים דאַן? שווערע האָרעוואַניע און האָפענונגסלאָזיקייט.

אָט איז עס דער עלעמענט, פון וואַנען עס רעקרוטירן זיך די „מאָפּסן".

אָפיציעל זענען דאָס קאָמוניסטן, פאַלעסטינע־זישע קאָמוניסטן. פּסיכאָלאָגיש אָבער זענען דאָס מ י ד ע, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן, אַז זייער אַרבעט פירט צו עפּעס.

מיט דער צייט האָב איך מיך אויסגעלערנט, זיי צו דערקענען לויט דעם אָנבליק: אין די אומ־רויקע אויגן.

כאַפּט מיך אַזאַ יונגערמאַן, מיט צעשויבערטע האָר און מיט אַ פאַרלוירענעם בליק, ווען איך זיץ אויף אַ באַנק אין „שדרות ראָטשילד", די אַלייע אין תל־אביב, וואָס פאַרמאָגט אַ קליין ביסעלע שאָטן, און פרעגט מיך: „איר זענט נאָמבערג?"

יאָ, איך בין דאָס. שלום־עליכם אַ ייד... און

איך בין גרייט אים צו פארוואַרפן מיט דעם גאַנצן פעקל פראַגן, וואָס ליגן מיר שטענדיק אויף דער שפּיץ־צונג, בשעת איך טרעף־אָן אויף אַן אַרבעטער, דהיינו, וויפל ער פאַרדינט? וואָס איז זיין מלאכה? וואָס איז מיט דער אַרבעטסלאָזיקייט? א. א. וו. ווייל נאָר דאָ, ביי דעם שווער־האָרעוועדיקן ארץ־ישראל מוזט איר זוכן דעם ענטפער אויף די פראַגן, וואָס אינטערעסירן אייך, מוזט איר זוכן דעם איינבליק אין דער לאַגע, ווייל דאָרט, ביי די פירער און מאַכער, הענדלער און וואַנדלער, זענען די פעדעם צו־פאַרדרייט און פאַרפלאָכטן, אַז איר זאָלט קאָנען עפּעס ארויסבאַקומען — אָבער איך האָב פאַרשפאָרט צו פרעגן. אויף זיינע ליפּן האָט געשפּילט אַ גרי־מאַסע פון פאַרביטערטקייט.

ער וואָרנט מיך און וואָרנט מיך: למען־השם, איך זאָל נישט גלייבן די ציוניסטן. ס'איז ביטער, ס'איז שרעקלעך.

ער איז ארבעטסלאָז, ער האָט שוין דריי מאָל געפיבערט. א. א. וו., א. א. וו.

— און פארוואָס גייט איר נישט אויף דער טאַבאַק־ארבעט? מען זוכט דאָך ארבעטער?

דריי יאָר, זאָגט ער, האָט ער זיך שוין אָפּ־געמאַטערט. וואָס וועט ער גיין איצט אויף 12 פּיאַסטער א טאָג (קאַרגע $2\,^1/_2$ גאָלד־מארק) בייגן דעם רוקן פון פרי ביז נאכט און צוריקקומען א הויקער?

— און פארוואָס זענען אנדערע, אין אייער לאַגע, גליקלעך און צופרידן?

די פראַגע האָט אים צו־טיף געטראָפן, אַזוי ווי מיט אַ שארפן שפיז אין הארצן. איך האָב עס באמערקט אין דער צעמישונג זיינער, מיט א נער־וועישער האנט־באוועגונג האָט ער אָפּגעווישט זיין צעשויבערטן קאָפּ האָר. די אויגן זיינע האָבן גע־קוקט נאָך מער פארלוירן און אומגליקלעך. איך האָב נישט גערן (פארציי מיר גאָט!) אָנגערירט א פאר־ווייטיקט אָרט אין זיין הארצן.

יאָ. אויך ער איז אמאָל געווען גליקלעך. ער האָט אמאָל געגלייבט. איצט האָט ער דעם גלויבן פארלוירן.

נישטאָ דער „עפּעס".

און אין אַ וואָך ארום בין איך געווען אין ירושלים. האָב איך ווידער געהאט צופעליק א באַ־געגעניש מיט א ווארשעווער ארבעטער, וואָס דער קענט מיך. מיר צערעדן זיך באלד ווי אלטע באקאנ־טע.

קיינמאָל אין זיין לעבן איז ער נישט געווען קיין ציוניסט. ער איז אַהערגעקומען דורך א צו־פאַל, וואַרטן אויף פּאפּירן און געלט פון אמעריקע. דאָס געלט און די פּאפּירן האָט ער שוין געקראָגן, אָבער ער וויל מיר זאָגן די וואָרהייט: עס גלוסט אים נישט אָפּצופאָרן פון דאַנען. ער איז א סטאָליאר, פארדינט אַזוי־זיך. נישט קיין גליקן, אָבער אויף צו לעבן איז דאָ. אָבער דאָ איז אזא פרייהייט, ער פילט זיך דאָ אזוי גוט. ס'איז א שטיק צרה מיט דעם העברעיש, ער פארשטייט נאָך נישט. אָבער ס'מאכט נישט אויס. יוואָס זאָג איך דערצו? לאָמיך

נאָר נישט מיינען, אז ער איז א ציוניסט. חלילה; וואָס זאָג איך?

— איך בין ערשט עטלעכע טעג אין דעם לאַנד, און איך וויל הערן און זען און לערנען. אָבער איך מיין, אויב א מענטש פילט זיך גליקלעך אויף א פלאַץ, זאָל ער אים נישט זוכן אויסצוטוישן אויף אן אנדערן. ווען איר זאָלט וויסן, יונגערמאַן, ווי זעלטן א מענטש פילט זיך גליקלעך! דאָס איז אַלץ, וואָס איך קאָן אייך זאָגן, אַלס עלטערער און דערפאַרענער מענטש פון אייך.

— אָט דאָס איז דאָך מיין טענה! אז דאָ איז דאָך אזא פרייהייט. און שיין איז דאָ, וואָס זאָגט איר?

דער דאָזיקער ארבעטער האָט זיך באמית ארויסצובאקומען פון מיין מויל א הכשר דערויף, וואָס ער האָט דאָס לאַנד ליב.

ביי די שאָסיי־אַרבעטן אויף דורכצופירן א נייע גאַס אין תל־אביב האָב איך געטראָפן אַ באַ־קאַנטן פון וואַרשע. ער האָט אין וואַרשע געוואוינט אין אַ רחבותדיקער דירה, איצט פאַרנעמט ער אַ קליין צימערל ביי אַ פאַמיליע; ביי דער ברענענדי־קער זון פירט ער צו די טאַטשקע מיט דעם זאַמד, און פאַרדינט דערביי (אויב גוט! ווייל נאָר דריי טעג אין וואָך איז דאָ אַרבעט) אַן ערך דריי גאָלד־מאַרק אויף אַ טאָג, און — דער מענטש איז נישט אויף קאַטאָוועס גליקלעך און די אויגן שיינען ביי אים פון פריי ד.

פאַראַן דער „עפּעס“.

אָט אַזוי קאָנט איר, זענענדיק אַ קורצע צייט אין ארץ־ישראל, דורכלעבן די פאַרשידנסטע שטימונגען.

אין דער פרי קאָן אייך וואַקסן דאָס האַרץ פון פרייד, ווען איר זעט אַ יידישע שטאָט, אויפגעבויט מיט איר גאַנצן האַק־און־פּאַק דורך יידן; נישט נאָר די הייזער זענען געבויט דורך יידישע הענט, נאָר די ציגל האָבן די יידישע הענט געקנאָטן, און דאָס זאַמד פון ים האָבן יידישע אַרבעטער געבראַכט. די טועלעפאָן־דראָטן אויבן האָט אַ ייד אָנגעצויגן און — איר וועט מיר מוחל זיין! — דאָס מיסט פון שטאָט פירט אַ ייד אַרויס.

און פאַרנאַכט הויבן־אָן די שאָטנס צו פאַלן, און איר פרעגט אייך, פון וואָס לעבט תל־אביב? וואָס איז איר עקאָנאָמישער באַזיס?

פיל, זייער פיל „חנות מכלת״ (שפייז־געוועלבער), אויף יעדן שריט אַ „מספירה״ (ראַזיר־אַנשטאַלט) און „מלון ופנסיון״ (גאַסט־הויז און פּענסיאָן) אָן אַ שיעור.

נאָר אין איין עק שטאָט, נישט ווייט פון יפו, אין דעם „מרכז מסחרי״ אַרבעט זיך שווער אַדורך אַ וועג אַ קליין־אינדוסטריע. זי שטעקט נאָך אין די וויקעלעך.

און אַן ערך 600 „פקידים״ (באַאַמטע) זענען פאַראַן אין תל־אביב.

דער „עפּעס״ איז דאָ אַ מינוס, וואָס איר רעכנט־אַראָפּ פון שיינעם בילד.

אָבער עס גייט, עס רוקט זיך פאָרויס.

מיר האָט איינער אַ מענטש, וואָס קען גוט דעם ישוב נישט פון היינט, נאָר פון יאָרן שוין, וואָס קען אים מיט אַלע זיינע חסרונות און מעלות, געזאָגט:

— איצט, איצט ערשט באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז דער ענין איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף די שינעס. גיכער, צי פּאַמעלעכער, אָבער מיר באַוועגן זיך.

איך מיין, דאָס זענען די ריכטיקסטע ווער־טער און די ריכטיקסטע אָפּשאַצונג פון דער איצטי־קער לאַגע.

VII
איז נעסט פֿון אָרימקייט

מ־ט וואָס זאָל איך מיר דער־לערן דעם פאַקט, וואָס אין ארץ־ישראל צירן זיך אַפילו אָרעמע יידי־שע הייזלעך אין בלומען?

אָדער דעם פאַקט — וואָס דאָס שפּייז־גע־וועלבל, דאָס „חנות מכּלת", איז געהאַלטן ריין און ציכטיק, גאָרנישט קיין פאַרגלייך מיט אַ געוויינלעך געוועלבל אין אונזערע מקומות?

דערמיט — וואָס ארץ־ישראל איז אַ יום־טוב־דיק לאַנד, און די מענטשן פילן זיך דאָרט יום־טובדיק.

דער ייד לייגט געוויינלעך נישט קיין שום אַכט אויף זיין וואָכנטאָג, אַ וואָכנטאָג איז דערויף פאַראַן, מען זאָל אים אַבי־ווי דורכשטופּן, ערשט שבת, ערשט יום־טוב לעבט ער, האָט הנאה, פילט אַ טעם אין לעבן.

און ארץ־ישראל איז אַ קאַפּיטשקע יום־טובדיק אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אי אַ מעלה, אי אַ חסרון.

די מאַמע־נאַטור איז בלינד, און טויב, און שטום, און אין איר בלינדקייט און טויב־שטומקייט שאַפט זי אירע ווערק. אַוואו מענטשן הערן אויף צו זיין שטיקער נאַטור, אַוואו די ספערע פון דעם אומבאַוואוסטן הערט־אויף, דאָרט ליגט פאַר־

שפרייט אַ געוויסע אָנגעצויגנקייט. עס איז ווי איך אַ פּאַראַד.

אָבער דערווייל געוויינט מען זיך צו צו דער ריינקייט און צו דעם ביטל בלומען, און די קינדער וועלן עס איבערנעמען ביורושה, און ביי זיי וועט עס זיין אַ וואָכעדיקייט.

בלימלעך! וואו האָב איך זיי נישט געטראָפן אין ארץ־ישראל!

אין „נחלת יהודה״, אַ בלוט־אָריעם אַרבעטער־קאָלאָניעלע, וואָס ביי „ראשון לציון״, וואו מען האָט רעוועט שווער און ביטער אויף די צוגעטיילטע 10 דונאַם ערד, און מען האָרעוועט קוים־קוים אויס אויף חיונה, אַוואו דער דלות האָט זיך איינגעצנעסטעט אויף גוט, אויך דאָרט האָט איר שטיבלעך באַפּוצט מיט בלומען.

באָרוועסע קינדערלעך, באָרוועסע מאַן און ווייב, פלייש זעט מען נישט אָן אין די אויגן אַ קיילעכיקע וואָך, און בלימלעך זענען פאַראַן.

און דוקא דאָ רעדט מען העברעיש.

נישט ווי אין דערבייאיקן „ראשון־לציון״, וואו די סאָלידע בעלי־בתים ריידן אַ געשמאַקן יידיש.

ביי מיר אין זכרון איז עס פאַרבונדן אין איין קנויל: בלימלעך, העברעיש, יום־טובדיקייט.

דער וואָכנטאָג אין ארץ־ישראל וועט ערשט קומען, דאַרף ערשט קומען; זיינע טריט הערט איר קוים־קוים ווייטער־אַרויף אין חיפה, אוואו דער ישוב הייבט־אָן צו וואַקסן פון זיינע אייגענע כוחות.

וואו די נאַטירלעכע באַדינגונגען פאַר אַ פאָרט

זענען פאַראַן, וואו די ליניעס פון אייזנבאַנען קו־מען זיך צוזאַמען, פון וואַנען עס עפנט זיך דער עמק יזרעאל, און עס פירן די וועגן קיין עבר־הירדן און סיריען.

פון אַלע שטעט אין ארץ־ישראל איז חיפה די וואָכנדיקסטע; עס פאַרמאָגט נישט די רירעוודיקע הייליקייט פון ירושלים, נישט דעם רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם פון תל־אָביב, נישט דעם מיסטישן שלייער פון טבריה און צפת. חיפה איז גלאַט־אַזוי אַ שטאָט, וואָס קלאַמערט זיך באַרג־אַרויף אויפן כרמל. אַ גרויסע מיל גיט דאָרט אַרבעט פאַר אַן ערך 100 אַרבעטער. און אַ גרויסע צעמענט־פאַבריק ווערט געבויט, וואו 300 אַרבעטער זענען שוין באַשעפ־טיקט.

די מענטשן זענען אויך דאָרט וואָכנדיקע. די דאָרטיקע אַרבעטער באַשטייען נישט בלויז פון גע־וועזענע סטודענטן, פון בעל־הביתישע יונגעלייט, ווייניק „פקידים", חלוקה־יידן גאָר ווייניק.

אין חיפה איז דאָ בלויז איין הייליקייט: די מערת־אליהו.

פאַר דאָס שטאָלצירט זי מיט די געביידעס פון טעכניקום, וואָס אויפן רוקן פון כרמל. אַ טעכניקום איז צוגעפּאַסט צו דעם וואָכנדיקן כאַראַקטער פון חיפה.

אונזערע פּוילישע פאַרמעגלעכע יידן, וואָס זענען לעצטנס געקומען קיין ארץ־ישראל, האָבן מיט דער באַז דערשפּירט דעם ווערט פון חיפה, און האָבן גענומען קויפן פּלעצער אויפן הדר־הכרמל. דער

פּראַקטישער סוחרישער חוש האָט זיי געפירט אַהער.

* *
*

אָבער אויפן וועג נעבן ים צווישן יפו און תּל־אָביב הויזט די ביטערע אָרעמקייט. אָנהייבנ־דיק פון שכונת־התימנים ביז צום עק פון שכונת־ברענער האָבן זיך אויף די הוילע זאַמדן אויסגעשפּרייט שפּיציקע לייוונטענע געצעלטן, געלע־כערטע און געלאַטעטע, „צריפים", באַראַקן פון אַלערליי צוזאַמענגעשלעפּטן געהילץ און פון בלעכן, וואָס האָבן אַמאָל געדינט אויף כלים פון בענזין, און איצט זענען זיי אויסגעגליכן געוואָרן און צו־זאַמענגעשטעלט אין פאַרזשאַווערטע ווענט... ווער ווייסט זיי, די יידן, וואָס וואוינען דאָ און ווער קען זייער נאָמען!

פון אוקראַינע, צי פון בעסאַראַביע ערגעץ, אַנט־רונענע פון די פּאָגראָמען און בהלות, זענען זיי געקומען, פון שטורעם געוואָרפן. יידן אין די יאָרן, יידן בערדיקע, יידן פון מאַמעליגע, און אביונים גרויסע.

אָבער אויך דאָ, אין דעם נעסט פון אָרעמקייט, טרעפט איר אַמאָל די ווילדע וויינטרויב, וואָס קלע־טערט אויף די גלייכע בלעכענע ווענט פון די „צריפים" און פאַרדעקט זייער פאַרזשאַווערטקייט, און נעבן אַן „אהל" (אַ געצעלט), וואָס האָט לאַטעס אויף לאַטעס, איז טיילמאָל אַ שטיקל ערד פאַראַר־בעט אין בייטן פון גרינס און... פון בלימלעך.

ביי איין פאַרזשאַווערטן „צריף" זעט איר אָרעמע

שטיקלעך וועש, צעריסענע און שטאַרק אָפּגענוצטע, הענגען אויף די אָנגעצויגענע שטריק, און אַ בייכיקע בעל־הביתטע, וואָס האָט אַמאָל אין דער היים געבאַקן אייגענע חלות און געשטעלט די פעטע טשאָלנטס, פּאָרעט זיך אַרום די וועש.

זי געהער נישט צו די צופרידענע. בעסער איז, איר מויל זאָל זיין פאַרשלאָסן, און די ארץ־ישראלדיקע לופט זאָל נישט וויברירן פון איר באַרעדעוודיקייט. זי קוקט אונז אָן קרום, מיך און אַ יונגן העברעישן דיכטער, וואָס מיר בלאָנדזשען דאָ אַרום צוזאַמען.

אין אירע אויגן ליגט דער פאָרוואורף. אַ שטייגער, מיר וואָלטן דאָס געווען שולדיק, וואָס זי איז אָפּגעריסן געוואָרן פון איר בעל־הבתישקייט אין דער היים, פון איר פעסל זויערע קרויט און אַלע איבעריקע גוטע זאַכן.

וואָסערער בייזער רוח האָט אונז אַהער פאַרטראָגן און וואָס זוכן מיר דאָ?

זי שטייט אונטערגעשפּאַרט אַ האַנט אונטער דער זייט, דער עלנבויגן קומט אויס זייער אויסגעשפּיצט. דאָס איז די פּאָזע פון אַן „אשת־חיל", ווען זי גרייט צו מויל און צונג צו אַן אַטאַקע.

אָבער אין באַראַק אינעווייניק קוקט אויף אונז דער פינסטערער דלות פון אַלע זייטן. דער מין מעבל איז נישטאָ. אויף שטיקער האָלץ ליגט אָנגעצויגן אָפּגעפּליקטער לייוונט פון אַן „אהל". דאָס זענען די בעטן. אַ ייד אין די יאָרן מיט אַ געל־

גאָרער באָרד דרייט זיך אַרום, טאַפּנדיק די ווענט.

בלינד איז ער, דער ייד. די טראַכאָמע האָט אים די אויגן געגעסן יאָרן נאָכאַנאַנד נאָך אין זיין היים אין בעסאַראַביע; דאָ האָט ער אינגאַנצן פאַרלוירן די ראיה. דרייט ער זיך אַזוי אַרום ביי די בלעכענע ווענט אין זיין עלנדקייט.

ער איז, קענטיק, זייער צופרידן פון אונזער באַזוך, ווייל זיין עלנדקייט און פאַרלאָזנקייט איז זייער גרויס. ער האָט שווער געאַרבעט אין דער היים און גוט געגעסן, האָט אים אָבער געטראָפן דאָס אומגליק.

אָבער חלילה וחס: לאָמיר נישט מיינען, אַז ארץ־ישראל איז שולדיק!

ער האָט דערפילט די טריט פון זיין ווייב, וואָס האָט זיך דערנענטערט און, וועלנדיק אָפּשלאָגן פאָרויס איר אַטאַקע, טענהט ער, זשעסטיקולירט און שרייט:

— אַז מיך האָט געטראָפן אַן אומגליק, וואָס איז דאָס לאַנד שולדיק! ס'איז אַ גאַנץ גוט לאַנד, אַ יואויל לאַנד, מעגט איר מיר גלייבן. אַז אַן אומגליק האָט געטראָפן! אַן אומגליק! מען האָט געזאָגט, אַז מען קאָן נישט אויסשטיין די היצן; ס'איז נישט אמת. ס'איז גאָרנישט אַזוי הייס. מ'קאָן גאַנץ גוט לעבן דאָ... אַז אַן אומגליק האָט געטראָפן!

און די טענות פון דער אשת־חיל זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן. זי האָט נאָר צוגעשאָקלט מיט דער גאָמבע: אַן אומגליק! אַזאַ דרייט זיך דאָס אַרום

אַ גאַנצן טאָג און קאָן קיין קאָפּ־קע נישט פאַר־דינען...

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די בלעכענע ווענט מוזן שוין זיין לאַנג צוגעווינט צו דעם ויכּוח צווישן מאַן און ווייב. זי האַלט אין איין שרייען, צו וואָס אים האָט זיך פאַרוואָלט ארץ־ישראל, און ער... „אַז אַן אומגליק האָט געטראָפן".

מיט אויפגעפרעסענע אויגן, אין שטאָק־בלינדקייט, באַשטייט ער אויף דאָס זייניקע און וויל נישט נאָכגעבן:

— דאָס לאַנד איז גאָרנישט שולדיק; אַז אַן אומ־גליק האָט געטראָפן...

ווייט און ברייט אַרום פאַלדעוועט זיך דער זאַמד, און געצעלטן און באַראַקן ליגן פאַרשפּרייט אויף אים. ווייטער אַ ביסל רוישט דער ים...

די נעסט פון אָרעמקייט ווימלט פון מענטשן. אומבאַקאַנטע, אומבאַוואוסטע יידן, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אָן נאָמען און באַצייכענונג, ענ־לעך צו די כוואַליעס פון ים...

אָבער דאָרט, ביי אַן אָפּגעפליקטן „אהל" גרינט אַ בייט — די ליבע פון אַ פּראָסטן ייד צום לאַנד רעדט פון איר.

און דאָ שטייט דער בלינדער און טענהט:

— ס'איז אַ וואויל לאַנד... אַז אַן אומגליק האָט געטראָפן...

VIII

ירושלים, ירושלים!

ירושלים, ירושלים! זאָל מיין רעכטע האַנט פאַרגעסן ווערן, אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירו־שלים!

און נישט פרעגט און נישט ענטפערט: מיט וואָס איז ירושלים שיין, און וואו ליגט איר כּוח איבער די הערצער, און פאַרוואָס וועט איר זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן?

ירושלים! די הייליקע שטאָט!

און אַוואו ליגט איר הייליקייט?

די הייליקייט איז דאָרט... אַן אינדוסטריע. אַלע אמונות האַנדלען דאָרט מיט הייליקייטן.

און ווען איר קומט אָן צו דער שטאָט, טראָצן די הויכע געביידעס פון די קירכן און דעם מחמדאַנישן מסגד איינע קעגען די אַנדערע. זיי האַלטן מלחמה און ווילן איינע די אַנדערע גובר זיין. די אַלע הייליקע ערטער זענען באַשאַפן, דוכט זיך, נישט פאַר שטילע תפילות פאַר גאָט, נאָר אויף צו טראָצן פאַר די מענטשן. העכער, העכער קלעטערט מיין טורעם. דער רוסישער צאַריזם האָט אַלע אויף צעפּיקעניש זיך אויסגעשטעלט און ווילהעלם פון דייטשלאַנד האָט אויפן הר־הצופים געזוכט אַלע אי־בערצושטייגן. די גאָלדענע צלמים פינקלען אין ליכט פון דער זון, און זיי שיקן בלאַנקע שווערדן איי־נער דעם צווייטן אין האַרצן אַריין.

ירושלים, ירושלים! וואו ביסטו אַליין, וואָס אַלע האָבן דיך געזוכט איינצונעמען פאַר זיך, צו באַהערשן?

און איך, דער ייד, לאָז מיך אַראָפּ דורך הינטער־געסלעך אין דער אַלטער שטאָט, נידעריקער און נידעריקער דרייט מען זיך דורך אַ לאַבירינט פון שמאָלע געסלעך, דורך גאַנצע מחנות פון אויס־געזעצטע אָרעמעלייט, בלינדע, לאָמע און אַלערליי אַנדערע קאַליקעס, און איך זוך־אויף מיין היילי־קייט — די כותל־מערבי.

שטייען דאָרט שמשים און כלי־קודש און צינדן די קנויטן פון דער אייל־לאָמפּ, אַנדערע שרייבן קוויטלעך, און מען רוקט זיי אַריין צווישן די שפּאַלטן פון די אַלטע שטיינער: „יוסף בן בריי־נע לפרנסה עם הפאַמיליע".

די שפּאַלטן צווישן די שטיינער ווערן אויס־געפילט יעדע וואָך מיט בערג קוויטלעך, און אַ באַהאַלטענע האַנט רוימט זיי אָפּ פון וואָך צו וואָך; פאַר די עטלעכע מאָל ד״י, וואָס מען באַצאָלט, ליגן זיי אָפּ זייער צייט, און זאָגן אָפּ זייער שטומע תפלה: „שרה גנת שיינדל לרחמים גדו־לים".

אָרעם איז די יידישע הייליקייט אין ירושלים, נידעריק און פאַרוואָרפן, און זי פאַרשטעקט זיך אין אַ הינטער־גאַס... און דער האַנדל גייט אויך דאָ, ווי אומעטום.

פאַרוואָס אָבער האָב איך פול טרערן אין די אויגן, בשעת איך שטיי פאַר די ריזיקע שטיינער.

שלעכט געהובלעוועטע, וואָס זיי לאָזן אַ חלל פון אַ פינגער די ברייט איינער צווישן אַנדערן?

אין קאַיראָ ביי די פּיראַמידן, אין אַטען אויף דעם אַקראָפּאָליס איז דאָ פיל מער צו באַוואונדערן; די שטיינער זענען דאָרט געפּאַסט איינער צום צווייטן, אַז קיין שפּילקע וועט איר נישט דורכשפּאַרן, און די בנינים זענען ריזיקע, און איר זעט נאָך די פאַנטאַזיע פון בוי־מייסטער שוועבן איבער זיי...

ירושלים, ירושלים!

און נעבן דער כותל־מערבי האָט אַ שמאָלער דינער ייד פאַרקאַטשעט דאָס שטריימל און צוגע־פּרעסט דעם שטערן צו דעם איבערגעבליבענעם שטיין, און אַזוי שטייט ער, ער רירט זיך נישט, איר הערט אים נישט בעטן, נאָר די אַקסלען צוקן ביי אים אונטער דעם זיידענעם כאַלאַט.

ס'איז אַ גרויסע און צעוואָרפענע שטאָט, איר ווערט מיד פון גיין, און דער שטויב עסט אייך מויל און אויגן. איך האָב ארומגעבלאָנדזשעט אין דער „עיר העתיקה" (אין דער אַלטער שטאָט), אין די נייע קוואַרטאַלן, פון הר־הצופים האָב איך גע־האַט דעם איבערבליק איבער דער גאַנצער שטאָט... אָבער ירושלים וואו איז?

ירושלים, ירושלים! אַמאָל האָב איך זי געזען אין חלום, פאַר לאַנגע יאָרן שוין, איז זי געווען אַזוי הערלעך־שיין אויסגעבויט, אין פרומקייט און שטילקייט האָבן די מענטשן אַרומגעוואַנדערט, און אויבן, איבערן הימל האָבן אַפילו לייכטע וואָלקנס געמורמלט אַ תפלה.

איך האָב אַרומגעוואַנדערט, נישט אין חלום, נאָר אין דער וואָר, ויבן טעג אין ירושלים, און האָב ירושלים נישט געקאָנט געפינען.

די שטאָט צעוואַקסט זיך, עס ווערן געבויט נייע „שכונות״; איבער די טאָלן אין בערגער, פון וואַנען דער רויער גראָער שטיין קוקט־אַרויס פון אַלע זייטן, צעשפרייטן זיך נייע הייזלעך אַלאַ תל־אָביב, ווילי־אַרטיק, ביליקע, גיכע אַרבעט, אָבער זיי פּאַסן אַהער נישט צו דער רויער לאַנד־שאַפט.

ירושלים לויפט נאָך תל־אָביב און קאָן זי נישט דעריאָגן, פאַרשעמטע ירושלים!

די עלעקטרישע באַלייכטונג איז קנאַפּ און זעלטן אַפילו אין דער נייער שטאָט. ביינאַכט שפּאַ־צירט מען נישט אַזוי געמיטלעך ווי אין תל־אָביב, פאַר דאָס אָבער האָב איך דאָרט אין דער האַלבער טונקלקייט געזען אַ חופה מיט כלי־זמרים, און אַראַבישע יידן אין ווייטע פּעסקעס און לאַנגע ציצית האָבן געטאַנצט און געפּאַטשט אין די הענט מיט גרויס התלהבות. דאָס האָט מען געפירט אַ נייע ספר־תורה אין שול אַריין.

די חלוצים און חלוצות, וואָס זענען צוריק־געגאַנגען פון די גימנאַסטישע שפּילן, וואָס זענען צו יענער צייט איינגעאָרדנט געוואָרן, האָבן מיט קרומע בליקן אויסגעמיטן די פייערלעכע צערעמאָ־ניע, אָבער איך האָב באַדויערט, וואָס איך בין איי־ראָפּעיש געקליידט און קאָן מיך נישט אויסמישן צווישן דער עדה, און קושן מיט זיי די אַלטע ריי־

ביקייט...

ירושלים, ירושלים!

אין דער אַלטער שטאָט האָב איך גרויסער בלאָנדזשעט; ס'איז געווען אַ הייסער טאָג, אָבער די שטראַלן פון דער זון קאָנען נישט אַריינדרינגען אין דעם לאַבירינט פון די שמאָלע געסלען. דושנע איז געווען און טרויעריק, אַ שמאָלער, אַ דאַרער ייד, מיט יענער בלאַסקייט פון פּנים, וואָס איר קאָנט זען נאָר אין ירושלים, און מיט דורכדרינגנדע שוואַרצע אויגן (וואָס איר קאָנט אויך זען נאָר אין ירושלים), איז געזעסן אין אַן אָרעם בשמים־געוועלבל און געוואַרט אויף אַ קונה. ער איז געזעסן אין קאַפּל, און דער הויכער שטערן זיינער האָט אַזוי אַרויסגעקוקט אין דער וועלט אַריין. איך בין אַ לאַנגע צייט געשטאַנען פאַר דעם בשמים־געוועלבל און זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אָרט. דער ייד מיטן אויסזען פון אַ מקובל, מיט די מחשבות פון אייביקייט און פון גאָט, האָט געוואַרט אויף אַ קונה. צום סוף איז אָנגעקומען די קונהטע, אין געשטאַלט פון אַ קליין מיידע. לעער האָט איר עפּעס אָפּגעוואויגן. אָבער ווען זי האָט אים באַצאָלט, איז געשען אַ שרעקלעכע טראַגעדיע. דאָס מיידעלע האָט אים געגרוקט די מטבע אין דער האַנט אַריין, איז דער ייד אויפגעציטערט געוואָרן פון דער ז י נ ד י ק ע ר באַרירונג, ווי אַן אָפּגעבריטער האָט ער צוריקגעכאַפּט זיין האַנט, און די דורכדרינגנדיקע אויגן האָבן געקוקט אַזוי פאַרלוירן און צעמישט.

צי איז דאָס ירושלים?

און אַ ביסל ווייטער, וואַנדערנדיק, האָב איך געטראָפן אַ גרויסע ריי אויסגעשטעלט: אַלטע ווייבער, מיידלעך און יונגע קינדער מיט כּלים אין די הענט זענען געווען פאַרזאַמלט. פּלוצלינג האָט זיך אַ הויכער גרויסער „טערק” אין אַ רויטער פעסקע געלאָזט לויפן נאָך אַ קליין מיידעלע און גענומען שרייען אויף אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך. דעם מיידעלע איז געלונגען צו אַנטרינען ווערן מיט אירע יונגע ביסלעך פון דעם הויכן מחבל, וואָס האָט זי נאָכגעיאָגט.

פאַרשטעקט אין אַ זייטיקן ווינקל איז זי געשטאַנען, ווען איך האָב זי אָנגעטראָפן.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער טערק דער מחבל איז אַ ייד, פּונקט אַזוי ווי די אַלע אויסגעשטעלטע. די דורשטיקע שטאָט ירושלים איז דאָ געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף צו באַקומען וואַסער. דאָס מיידעלע האָט שוין איינמאָל געהאַט באַקומען איר חלק, און האָט געוואָלט נאָכאַמאָל באַקומען, איז דער משגיח אויף איר דאָס אָנגעפאַלן מיט אַזאַ אימפּעט.

צערעדט האָב איך זיך מיט איר דורך אַן איבערזעצערין, אַ קליין מיידעלע, אירס אַ חברטע, וואָס האָט גערעדט העברעיש.

— ווער איז זי? — האָב איך געפרעגט.

— אַ ספרדית.

— און דו?

— אני „מעורבות” (איך בין אַ געמישטע, פון אַ ספרדי אַ פאָטער מיט אַן אַשכנזישער מוטער).

צי איז דאָס ירושלים?

אָדער ליגט עס באַגראָבן אין די טיפענישן,
אונזער אַלט ירושלים?

פערצן קלאַפטער טיף טרעפט מען, גראָבנדיק אין דער ערד, חורבות אויף חורבות. מלחמות און ערד־ציטענישן האָבן ירושלימס באַגראָבן און נייע זענען אויפגעשטאַנען.

אָבער איבער אַלע זיי, צעוואָרפן אין דער צייט, טראָגט זיך אַ סימבאָל און אַ קלאַנג: ירושלים!

און פון דור צו דור קלינגט ער, דער נאָמען, און אַז מען הערט אים, ציטערט מאָדנע דאָס האַרץ.

IX

עמק־יזרעאל

דער עמק־יזרעאל איז — ארץ־ישראל אין מיניאַטור. די היסטאָריע פון הייליקן לאַנד, דער האַרטער מזל, דאָס אומפאַרמיידלעכע, וואָס האָט געהאָנגען איבער ארץ־ישראל אין פאַרלויף פון לאַנגע דורות, — דאָס אַלץ שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם קליינעם טאָל, וואָס איז אויסגעשניטן צווישן די בערגער פון שומרון, דעם תבור, און די הרי־גלבוע.

ווייל ארץ־ישראל, וואָס האָט דעם כאַראַקטער פון אַן אָאַזיס אין מיטן פון ווייטע מדבריות, איז געווען דער פּונקט, וואו עס האָבן זיך געטראָפן די שטראָמען מענטשן פון אַרום, פון דער אַראַבישער האַלבאינזל, פון מצרים און פון אַרם־נהרים, און דער טרעף־פּונקט, דאָס אָפענע סטראַטעגישע טויער, איז געווען דער עמק־יזרעאל.

פרעמדע ראַסן האָבן זיך דאָ באַגעגנט, און איינע די אַנדערע פאַרטיליקט. קולטורן און געטער האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעשטויסן. דער עמלק איז דאָ אַראָפּ פון באַרג, דער העל־האַריקער פלשתי האָט זיך דאָ פאַרמאָסטן מיט די יידן. און דער לעצטער פון די וועלט־באַצווינגער, נאַפּאָלעאָן, האָט געלאָזט שפּילן זיין אַמביציע אין דעם טאָל. די אַראַבער און

די קרייץ־ציִגער, סנחריב און די רוימער האָבן באַנוצט דעם דאָזיקן שליסל צום עבר־הירדן, ווען זיי האָבן דורכגעצויגן דאָס לאַנד.

ביי די גרויסע טייכן אין מיטן פון די ווייטע מדבריות,ביים פרת און חדקל פון איין זייט און ביים נילוס פון דער צווייטער זייט, האָבן אויפגעבליט די אַלטע קולטורן: אַשור, בבל, און מצרים, און זיי אַלע האָבן, ביי זייער שטרעבונג צו עקספּאַנסיע, צו פאַרשפּרייטן זייער מאַכט, דורכגעצויגן ארץ־ישראל. אומצייליקע מאָל איז דער בליענדיקער אָאַזיס פאַרפלייצט געוואָרן פון די חילות, וואָס האָבן זיך געטראָגן דעריבער, ווי אַ שווערע כמאַרע, און האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך פאַרוויסטונג און צעשטערונג. אָבער נאָך יעדן מאָל ווערט דאָס לאַנד ווידער פאַמעלעך אויפגעווייכט, ווייל די לעבנס־קראַפט פון לאַנד איז צו־שטאַרק, די קוואַלן וואַסער שלאָגן ווייטער פון די בערגער אַרויס, און די זון וואַרעמט און ציט אַרויס די זאַפטן פון באָדן. דאָס, וואָס ס'מאַכט אויס די ברכה און דער כוח פון לאַנד — דער אָאַזיס־כאַראַקטער — איז נישט געווען צוצעשטערן. די באַפעלקערונג ווערט אַנטרונען אין די היילן און אויף די שפּיץ־בערגער, מאַסנווייז ווערט זי פאַרניכטעט, אָבער די איבערגעבליבענע קלאַמערן זיך ווידער אָן דעם געבענטשטן באָדן, און באַפרוכפּערן דאָס לאַנד.

אַ לעבן פול סכנות, פיל דערשיטערונגען, און אַ לעבן, וואָס לעשט קיינמאָל נישט אויס, — דאָס

איז די היסטאָריע פון ארץ־ישראל און דאָס איז דער גורל פון עמק־יזרעאל.

גרויסע מלחמות האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט. דער באָדן איז דאָ אויסגעמישט מיט ביינער און שאַרבנס פון געפאַלענע אויפן מלחמה־פּלאַץ, זיי געהערן צו פאַרשידענע פעלקער און ראַסן. צווישן די זומפּן טרעפט איר שפּורן פון פאַרטיידיקונגס־פּלעצער, אומעטום זעט איר נאָך רעשטן פון געביי־דעס, וואָס האָבן געדינט אויף באַפעסטיקונגען. פרוכטבאַר איז דער טאָל, און דער שווערער גורל, וואָס ער האָט געהאַט איבערצוטראָגן, האָט נישט אויסגעטריקנט זיינע זאַפטן.

אָבער שוין הונדערטער פון יאָרן ווי ער איז געשטאַנען פאַרלאָזט, אויף די שפּיצן בערג האָט געטליעט אַ ביסל לעבן, אָרעמע אַראַבישע דערפער האָבן זיך דאָרט איינגענעסט, אָבער דער טאָל אונטן איז נישט צום צענטן טייל אויסגענוצט געוואָרן. די וואַסער־רייכע געגנט, וואו עס פליסט דער טייך קישון, און דער באַרימטער עין־חרוד (וואו גדעון האָט אָנגעטרונקען זיינע העלדן), איז צום טייל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרויסע זומפּן, אין נעסטן פון מאַלאַריע.

אַהער דאָ, אָט צו דעם היסטאָרישן אָרט, האָט דאָס בעסטע און שענסטע, וואָס איז פאַראַן אין ציוניזם, די איבערגעבנסטע יונגעלייט, די אייניק־לעך פון די אַמאָליקע איסיים, מיט די אַלטע נישט־אויסגעלאָשענע, אייביק־מענטשלעכע און אייביק־יידישע

אידעאַלן פון גלייכקייט און ברידערשאַפט, געזוכט דעם וועג.

די „קבוצות" עין־חרוד, תל־יוסף, בית־אלפא צו־פוסן פון די הרי־גלבוע, די „מושבים" נהלל, בלפוריה און די „קבוצה" מרחביה ביי דעם הר־ה־ואים און תבור, האָבן זיך דאָרט אויסגעלייגט. פון יעדן העכערן אָרט זעט איר די צעשפּרייטע נעסטן פון אַרבעט און אידעאַליזם איבער דעם טאָל, וואָס בליט איצט אויף; פלייסיק ווערן די זומפּן אויסגעטריקנט, די מאַלאַריע ווערט פאַריאָגט, עס גרינען די פעלדער, און דער האַמער הילכט דאָרט אָן אויפהער.

דער צעפלאָסענער עין־חרוד איז איצט איינ־געצוימט געוואָרן דורך מאָדערנע איינריכטונגען, די „קבוצה" האָט דערפון אַ וואַסער־לייטונג, און דער באָדן ווערט אויסגעטרוקנט. ריטמיש קלאַפּט דאָרט די פנעאומאַטישע מאַשין, וואָס רעגולירט דאָס לויפן פון קוואַל. ריטמיש קלינגט דער גלאָק אין דעם דערבייאיקן תל־יוסף יעדן פרימאָרגן, איי־דער די זון גייט־אויף, און רופט צו אַרבעט, אָבער די אַלע אויסערלעכע זערגרייכונגען, דער גאַנצער ריטם פון אַרבעט איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דער אינערלעכער האַרמאָניע און שיינהייט פון די מענטשן, וואָס האָבן אַהערגעצויגן פון אַלע פאַרשפּרייטע ווינקעלעך און ערד־טיילן.

די קבוצות זענען אַ פּרווו פון אַ קאָמוניסטישן צוזאַמענלעבן. אויב איר ווילט, האָט איר דאָ דעם טי־פּישסטן אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם. עס איז אַ געמיש

פון טאָלסטאָיִשע אַנטי־קולטור־געדאַנקען, פון קאָמו־ביזם, און איבער אַלעם הערשט דער נאַציאָנאַלער מאָמענט. אָבער דער טיפ מענטש, וואָס איר געפינט אין דער קבוצה, איז פון יענע זעלטענע דערשיי־נונגען פון גייסטיקער ריינקייט, וואָס בלייבן ביי אייך איינגעקריצט אין דער נשמה אויפן גאַנצן לעבן. מענטשלעכער אידעאַליזם און איבערגעבנקייט ווערן קיינמאָל נישט פאַרפאַלן אָן נוצן. מעגט איר קוקן אויף די פרוּוון איינצופירן אין אַ קליין ווינקעלע פון אַ קליין לאַנד דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל ווי איר ווילט, איר קאָנט אייך באַציִען סקעפּטיש צו דעם נסיון צו בילדן אַ קליינע קאָמונע און נאָך דערצו מיט דער הילף פון „בורזשואַזע" געל־טער, אין מיטן פון אַ בירגערלעכער געזעלשאַפט. אָבער דער ערנסטער בליק פון דעם מענטש, וואָס אַרבעט אין דער קבוצה, דאָס פערזענלעך־מענטשלעכע וואָס אין אים, דאָס איז אַ זאַך, וואָס איז איבער יעדן סקעפּטיציזם. איך וויל נישט און איך קאָן נישט גלייבן, אַז מענטשלעכע טרייקייט, איבערגעבנ־קייט און אידעאַליזם זאָלן קאָנען גיין לאיבוד. דאָס האָבן נאַראָנים, אָדער פּאַרטיי־מענטשן אויסגעטראַכט. יעדער אידעאַליזם, פון ווילדסטן ביז צום קולטורעלסטן און ראַפינירטסטן, פון פאַנאַטישסטן ביז צום „ווי־סנשאַפטלעך־באַגרינדעטן", האָט באַפרוכטעט די וועלט.

אַכט טעג האָב איך אַרומגעוואַנדערט צווישן די קבוצות אין עמק־יזרעאל. וואָס איך האָב דאָרט געזען — פאַרשפאַר איך צו דערציילן. איך מיין, אַנדערע וועלן דאָס טון בעסער פאַר מיר. איך

וייס נאָר אַזוי פיל, אַז די קעסט זענען געווען פיל מער ווי באַשיידן. עוגעץ האָב איך נישט געטראָפן קיין צוקער, קיין פלייש, קיין פוטער. אייער נאָר אויף איין אָרט. אַזוי, אַז אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג האָב איך דערפילט אַ נייטיקייט צו דערפרישן מיינע כוחות מיט אַ מער נאַרהאַפטער שפייז. און ביי אַזאַ קעסט ווערט די אַרבעט געטון מוסטער־האַפט. מען איז נישט שכור־פריילעך, און האָפּענדיק אַזוי ווי אין תל־אָביב, אָבער מען איז ערנסט־גע־מיטלעך, גוט־אויפגעלייגט, באַדאַכט אין טון און אין רעדן. איך וועל יעדן ראַטן, ווער עס וויל פאַרשטיין די מענטשן פון עמק־יזרעאל, זיי זאָלן ביי יוסף בן גריון (איצט ערשינען אין העברעיש) דורכלייענען די מייסטערהאַפטע שילדערונג פון די אסיים (די ערשטע קאָמוניסטן) אין דער צייט פון צווייטן חורבן, וועט ער האָבן דעם שליסל צו פאַרשטיין די מענטשן.

„התחדשות" — דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס דער 60־יאָריקער חלוץ ג אָ ר ד אָ ן, דער וואונדערבאַרער מענטש, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין ארץ־ישראל ווי אַ לעבעדיקע לעגענדע, האָט איינגעפירט. „באַניי־ונג" — הייסט דאָס, באַנייונג פון לעבן, אנהייבנ־דיק פון אייגענעם „איך" און צוריקקערנדיק צום יידישן פאָלק און צו דער מענטשהייט. דאָס איז אַ וואָרט, וואָס קלינגט ביי אים אין זיינע שריפטן, ווי אַ פאַראָל פון אַ נייער רעליגיע. איך האַלט אים פאַר דעם בעסטן אויסדרוק פון דער גייסטיקער פיז־יאָגנאָמיע פון דעם קבוצה־מענטש. טרומפעלדאָר איז

געוועזן זייער הערצל, זייער פירער; גאָרדאָן — זייער גייסטיקער אויסדרוק, זייער אחד־העם.

נישט איינמאָל האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, געפינענדיק זיך צווישן די קבוצה־מענטשן אין דעם גרויסן באַראַק אין דער אָפרו־צייט, אָדער ביים צוזאַמענדיקן עסן, אַז איך לעב עפּעס אָפּגעזונדערט מיט הונדערטער יאָרן צווישן אַ רעליגיעזער געמיינשאַפט, וואָס איז געקומען אָנזאָגן די בשורה פון אַ גאולה און אַ וועג צו גאָט.

אומפאַרגעסלעכע נעכט זענען דאָס פאַר מיר, ווען איך בין אין אַזאַ באַראַק געלעגן אויף אַ בעטל, נישט געקאָנט איינשלאָפן, ווייל די געדאַנקען האָבן געדריקט אויף מיין געמיט, און דאָס געוויין פון די שאַקאַלן האָט זיך געטראָגן איבער די פעלדער פון עמק, און אין האַלבן דרימל האָבען מיינע ליפּן געשעפּטשעט דאָס וואָרט „התחדשות". ווי איך וואָלט וועלן דערגרונטעווען דעם מיין און די באַדייטונג פון דעם מאַגישן וואָרט.

און איך האָב אומגעדולדיק געוואַרט אויף דעם ערשטן שיין פון אויפגייענדיקן טאָג, ווען אין דעם פענסטערל האָבן געגומען אַריינקוקן די הרי־גלבוע.

דיזעלבע פון אונזער אַלטן הייליקן ספר, דיזעלבע, וואו די אסיים האָבן געוואוינט

X
אין גליל

אַזוי ווי מיט אַ צירקל אויסגעמאָסטן, זעט אויס דער באַרג תבור, אַזוי ווי אַ האַלב־ראָד שטייט ער, און עס דוכט זיך אייך, אַז די צווייטע העלפט פון דעם ראָד מוז שטעקן אין דער ערד. ס'ליגט אַ לייכטקייט אויסגעגאָסן איבער אַלע בערג־ליניעס פון ארץ־ישראל, עפּעס אַזוי ווי אַ ליבע האַנט זאָל זיי האָבן געגלעט. נישטאָ קיין אָפּגעריסנקייט, קיין רויקייט. איר קאָנט מיינען, אַז אַזוינע ווערק, ווי די בערג פון ארץ־ישראל, האָט די נאַטור געשאַפן, ווען זי איז געווען אין בעסטער שטימונג, אָן קאַמף און אָנשטרענגונג, ווען זי האָט זיך געשפּילט. ווען אָבער איר זאָלט פרעגן דעם געאָלאָג, וועט ער אייך דערקלערן, וואָס די דאָזיקע לייכטקייט און שפּילעוודיקייט באַדייטן. זיי שטאַמען פון גרויסע און שווערע דערשיטערונגען, פון האַרטע געבורט־ווייענישן. דער באָדן איז דאָ אַ וואולקאַנישער, די בערג האָבן געשפּיגן מיט פייער און לאַווע, די לאַווע האָט זיך געגליטשט און האָט אַזוי שיין אויס־געפורעמט די בערג. אַ פייערדיקע מאַסע איז עס געווען, וואָס האָט זיך אומצייליקע מאָל געטראָגן איבער דעם ווינקל ערד; אומצייליקע מאָל האָט זי פאַרניכטעט און אונטערגעבערעגגט אַ לעבן, וואָס האָט

געפרודעט; אונטער דער פליסנדיקער לאַווע זענען באַגראָבן געוואָרן די לעבעדיקע באַשעפענישן און ווייערע ווערק. אָבער די לאַווע האָט מיט זיך גע־טראָגן אַ נייע ברכה און אַ צוזאָג פון אַ נייעם לעבן, ווייל דער שיכט ערד, וואָס די לאַווע לייגט־אָפּ, איז אַ פרוכטבאַרער באָדן.

איר לייענט אָט די גאַנצע געשיכטע אַראָפּ פון די בערג און טאָלן, ווען איר וואַנדערט אין גליל און באַוואונדערט די צאַרטע, איך וואָלט געזאָגט, מיידלשע שיינקייט פון דער געגנט.

לענג־אויס דעם רעכטן ברעג פון כנרת שלענגלט זיך דער וועג. איר טרעפט דאָ אָפטער דעם בעדוינער אויף זיין פערד, אָבער פון די אַמאָ־ליקע אַזוי שטאַרק באַפעלקערטע שטעט איז גאָרנישט געבליבן. ליידיק שטייען די ברעגעס, די וואַסערן האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין די נידעריקע ערטער, און די גאַנצע געגנט איז אַ נעסט פון מאָסקיטן און מאַלאַריע.

רייכע יידן פון מאָסקווע האָבן דאָרט, ביי מגדל, איינגעפלאַנצט אַ גאַנצן וואַלד פון פאַלמען און עקאַליפּטוסן. זיי ציען אויס די פייכטקייט פון דער ערד, אָבער זיי האָבן זי נישט דערצויגן. אונטן אין טאָל וואוינט קיינער נישט, און דער הערלעכער וואַלד איז נאָר אַ באַזוך־פּלאַץ פאַר טוריסטן, נאָר אויבן אויפן באַרג וואוינען עטלעכע פאַמיליעס.

ווען מען דערמאָנט זיך, אַז מיר געפינען זיך אויף דעם פּלאַץ, וואָס איז אַמאָל, אין די אַלטע צייטן, געווען אַממייסטן באַפעלקערט, פאַלט אַזש אָן

אַ שרעק. וואָס איז דאָס געשען, וואָס דער מענטש־לעכער ישוב איז דאָ איינגעשלאָפן? די נאַטור פון דער געגנט האָט זיך, ווי עס ווייזט אויס, נישט פיל געענדערט. נאָך איצט איז דער באָדן פרוכט־באַר און עס בליט און גרינט אַלצדינג אין אַ טראָפּישער רייכקייט. דער כּנרת איז אַלץ נאָך אַזוי רייך מיט פיש, ווי ער איז געווען, אָבער אַ חוץ טבריה, וואָס ליגט פאַראָרעמט און אַליין ביים ברעג פון כּנרת, איז פון די אַלע אַמאָליקע גרויסע אָנזאַמ־לונגען פון מענטשן גאָרנישט געבליבן, סיידן נאָר שטיינער און חורבות, וואָס מען גראָבט אויס מיט פיל מי און קאָסטן פון אונטער דער ערד.

וואָס זענען דאָס געווען פאַר אַ שטעט און וואָסער ראָל האָבן זיי געשפּילט?

מיר ווייסן נאָר אַזוי פיל, אַז דאָ האָט געראָיעט פון מענטשן, אַז דאָ האָט געלעבט אַ פאָלק אַן אָרעמס, וואָס האָט זיך זייער געפרוכפּערט, אַ פאָלק מיט איבערגעבנקייט און טרייקייט, ווייט פון גרויסן פּאָליטישן שפּיל אין ירושלים, אָבער צוגעבונדן צו זיינע מסורות און צום גאָט פון זיינע עלטערן.

דאָ האָבן געוואוינט אָרעמע פישערס און גאָט־זוכערס.

פון אור־אַלטע צייטן האָט דאָ דער געדאַנק פון די מענטשן פאַרבלאָנדזשעט פון דער ערד, פון וואַנען ער, דער געדאַנק, איז געבוירן, און האָט זיך פאַר־טראָגן ערגעץ ווייט, הינטער די שטערן, אין דער אומענדלעכקייט. דאָ איז די היים פון דער רעליגיע־זיטעט. אויבן אויפן באַרג ליגט צפת, די שטאָט פון

די מקובלים. ביים ברעג פון כנרת האָבן מסתמא גאָר אין די אַלטע צייטן נאָך געלעבט בלויז איינ־פאַכע נישט־געלערנטע מענטשן, וואָס האָבן קיין שום שריפט נישט געקאָנט לייענען, אַ חוץ די צייכנס פון הימל. פאַרטיפט און פאַרזונקען אין־זיך איז געוועז דאָס אָרעמע פאָלק, וואָס האָט זיך פאַר־זאַמלט אין די גרויסע שילן, וואָס זייערע חורבות ווערן איצט אויסגעגראָבן.

ביי כפר־נחום ווייזט אייך אַן איטאַליענישער מאָנאַך די אויסגעגראָבענע חורבות פון איינער אַזאַ ריזיקער שול, וואָס שטאַמט פון ערשטן יאָרהונ־דערט פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. דער מאַטעריאַל איז נישט קיין רייכער, אָבער די אַרבעט איז האַרט, אויף וויפל זי האָט זיך דערהאַלטן, זייער אַ געטאָקטע. עס זאָגן דערויף עדות די געזימסן פון די זיילן, וואָס זענען פאַרבליבן. יידישע מאָ־טיוון. אַ הענגל ווייַנטרויבן, אַ מגן־דוד, לולבים. ווער ווייסט וועמענס האַנט ס'האָט זיי געפורעמט? אפשר די האַנט פון אַן אָרעמען פויער, אָן פיל פאַרשטענ־דעניש און קולטור, האָט זיי געמייסטערט.

חרוב געוואָרן איז די שטאָט און די שול, ווי עס ווייזט אויס, פון אַ שטאַרקער ערד־ציטער־ניש. מען דערקענט דאָס אָן דעם, ווי ווייט די שטיינער זענען אַוועקגעוואָרפן פון דעם אָרט, וואו זיי האָבן זיך געדאַרפט געפינען. איר קאָנט לויט דעם מרחק אויסמעסטן די שטאַרקייט פון אונטער־ערדישן שטויס, וואָס האָט זיי אַוועקגעשליידערט.

עס איז דער גורל נישט נאָר פון כפר־נחום

אַליין. דער גאַנצער ברעג פון כנרת איז געווען אויסגעזעצט מיט שטעט און הערפער אַמאָל, אָבער ערגער פון שונא, וואָס איז באַפאַלן די שטעט אין אינערן פון לאַנד, איז געווען דער ווולקאַן, וואָס האָט דאָ כסדר געגעבן זיך צו פילן. ער האָט אויסגעפורעמט די בערג אין שיינע ליניעס, אָבער ער האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן איבער די שטעט פון טאָל און האָט זיי אָפגעמעקט פון דער ערד.

דער ווולקאַן איז איצט איינגעשטילט. נאָר נאָך קליינע ציטערן שפירן זיך פון צייט צו צייט, און זיי ברענגען קיינעם קיין שאָדן נישט.

אָבער דאָס אַמאָליקע פאָלק פון גליל איז פאַרשוואונדן, יענע גאָט־פאָרכטיקע מענטשן, וואָס האָבן צו זייער דערהאַלטונג אַזוי ווייניק נייטיק געהאַט, זענען מער נישטאָ.

דער נייער חלוץ קומט פון אייראָפּע, און ער קלעטערט באַרג־אַרויף, ווייט פון דער מאַלאַריע, און אָרדנט־איין אַ מאָדערנע אַגריקולטור. אויפן כנרת שווימען נאָר פאַראיינזאַמטע שיפלעך, געפירט פון אַראַבער.

נאָר אין טאָל וואָס פון כנרת ביז צו די מי־מרום, דער ערשטער וואַסער־בעקן פון ירדן, האָבן זיך דאָ און דאָרט צעלייגט עטלעכע יידישע פונקטן, און זיי ווילן אויפלעבן די טראַדיציעס פון אַמאָלי־קען גליל.

זאָגן זיי די „בית״ אַרויס האַרט, אַפילו ווען

די קלינגט אין תל־אָביב ווי א „וואָוו", טאַנצן זיי מיט גרויס־התלהבות די „אוירע", דעם ארץ־ישראל־טאַנץ, און זעגען מנטל אין האַרצן די אַריסטאָקראַטן פון יהודה.

צי איז דאָס פּאָזע? אָדער אָנהייבן פון אַ נייער קולטור?

איך בין מסופק, צי פון דעם נייעם פאָלק פון גליל וועט אַ נביא געבוירן ווערן, אָבער פריי און ברייט לעבט זיך דאָרט, ווי אַמאָל, און דער מענטש איז דאָרט נישט קיין עבד פון זיינע באַדער־פעניש.

דאָס געזאַנג הילכט דאָרט ברייטער, און דאָס צכאָ ענטפערט הילכיקער.

XI

אין טבריה

אין טבריה איז געווען אַ טראָפּישע היץ. די שטאָט ליגט 250 מעטער אונטער דעם שפּיגל פון ים, ביים ים־כּנרת, איינער פון די וואַסער־בעקנס, וואָס דער ירדן בילדעט. די זון באַקט דאָ הייס איבער די קעפּ שוין אין חודש אדר. מיר זענען אין גליל, וואו דער מענטש פלעגט פון אור־אַלטע צייטן חלומען וואַכנדיק און זען וויזיאָנען. די לאַנדשאַפט ווערט דאָ באַהערשט פון חרמון מיט זיינע ווייסע שנייען. זיין ריזיקער מאַסיוו, מיט דער בלאַנקענדיקער ווייסקייט אויף זיינע שפּיצן, באַלייט דיך אומעטום, ער וואַנדערט מיט איבער בערגער און טאָלן און לאָזט נישט, דאָס אויג זאָל זיך אָפּרייסן פון אים. נאָר פאַרנאַכט, ווען די פייכטקייט, וואָס גייט־אויף פון די וואַסער־בעקנס, ווערט געדיכט, די לופט פאַרלירט איר בלענדנדיקע דורכזיכטיקייט, פאַרשווינדט דער חרמון פּאַמעלעך און ווערט פאַרהוילן פון האָריזאָנט. גיכער זאָל קומען די נאַכט, ווייל דער טאָג איז דאָ אַ מאַטערדיקער! די הייסע זון ציט־אויס פון קאָפּ יעדן געדאַנק, יעדע באַשטימטקייט, און לאָזט איבער נאָר אַ שווערע בענקשאַפט און ציִעניש, עפּעס וואָס איז אָן פאָרם און מאָס, אומענדלעך און נאָמענלאָז.

טרוקן איז די ערד, דורשטיק און פאַרחלשט. דער מלקוש, דער שפעט־רעגן, וואָס פאַרענדיקט די רעגן־צייט, איז היי־יאָר נישט געקומען. איבער די טאָלן לענג־אויס דעם מיטללענדישן ים האָבן זיך טאָג־איין, טאָג־אויס צוזאַמענגעקליבן וואָלקנס, אָבער דער ווינט האָט זיי צעיאָגט, און ס'איז גאָר־נישט אַרויסגעקומען. אַהער דאָ, אין דעם טיפן שפּאַלט צווישן די בערגער, האָט זיך דער רעגן אפילו נישט געפּרוווט צוצוקומען; נאָר פאַרלאָזט און איינזאַם ציען איבער דעם אָנגעגליטן הימל ליכטי־קע וואָלקנדלעך.

האָבן די גרעזער אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און זיך געבויגן צו דער ערד. און פון צווישן די פעל־דער מיט די האַלב־צייטיקע אָפּגעזעגנטע תבואות האָבן די שלימאַקעס, די קריכנדיקע ווערעם, זיך אַרויסגעלאָזט פון טרוקענעם באָדן צו זוכן אַ ביסל פייכטקייט, און ס'איז געווען אַ נאַטור־ערשיינונג, וואָס האָט דיך דערפולט מיט גרויל. מיליאָנען־מיליאַסן זענען זיי געקומען; אַלע גאַסן, אַלע וועגן זענען געווען פול באַדעקט מיט זיי; אַזאַ מין קריכנדיקע, זיך־באַוועגנדיקע שוואַרצע מאַסע איז געלעגן אויס־געשפּרייט, און דערויף האָט מען געטראָטן. צו־ענג איז זיי געוואָרן אויף דעם באָדן, האָבן זיי גע־נומען קלעטערן אויף די ווענט. די הייזער זענען געווען פול מיט זיי, און אין די צימערן פון מיין האָטעל האָבן זיי זיך געלאָזט גיין, און מען האָט געמוזט פאַרהאַקן טיר און פענסטער פאַר זיי. אָוונט־צייט זענען זיי פאַרשוואונדן און עס איז פו

זיי קיין שפור נישט געבליבן. ווי אַ בייזער חלום האָבן זיי זיך דורכגעטראָגן, אַ רעזולטאַט פון דער ווילדער פרוכפּערקייט, וואָס די נאַטור פאַרמאָגט דאָ.

אָבער דער „אָוונט" איז מילד. ווי נאָר די זון פאַרגייט אונטער די בערג, קילט די לופט אָפּ. דער בין־השמשות איז אַ קורצער, די נאַכט פאַלט־צו ראַש, און דער טונקעלער הימל ראָיעט פון שטערן. גרויסע, העלע, נאָנטע, היימישע. ס'איז ווי אַן אייביק לעבן אויסגעשפּרייט אין דער הייך. זיי זע־נען דאָ נישט אַזוי פרעמד און אַזוי ווייט. זעץ דיך אַנידער אויף אַ קלאָץ אין מיטן מאַרק און צייל זיי דיר אויס, ביז דו וועסט מיד ווערן ציילנדיק.

ווייל ס'איז אַ שטערנדיקע נאַכט, אָן לבנה, היינט זאָל זיין דער מולד. אויף די בערגער אַרום שטייען אַראַבישע שייכן מיט ווייט־זעעוודיקע אויגן און קוקן־אויס, דאָס שמאָלע רייפל פון דער באַ־גייטער לבנה זאָל זיך באַווייזן. דער הייליקער חודש ראַמאַדאַן הייבט זיך אָן מיט דער נייער לבנה, דער חודש פון פאַסטן און תפלות צו גאָט דעם אַלמעכטיקן און מחמד זיין נביא.

דאָ טוט מען נאָך אַוועקשטעלן די פייערלעכע טעג מיט דער הילף פון מענטשלעכן אויג. מען ווכט די נייע לבנה, און עדות קומען און זאָגן, אַז זיי האָבען זי געזען. אַזוי איז עס אַמאָל געווען ביי יידן, ווען אויף די שפּיצן פון די בערגער פלעגט מען אָנצינדן פייערן אָנצוזאָגן די געבורט פון נייעם חודש. היינט צו טאָג ווערט פון די בער־

גער געשאָסן צום צייכן, אַז מען האָט געזען די לבנה, און די גלויביקע מוזן זיך צוגרייטן צו פאַסטן און געבעט.

און אָט שיסט מען פון די בערג. דער גליל מיט דעם עבר־הירדן רעדן זיך איבער. דאָרט כאַפּן אויף דעם סיגנאַל די שבטים פון די בעדוינער און ווייטער ביז צו מעקאַ טראָגט זיך די בשורה: עס האָט זיך אָנגעהויבן דער הייליקער חודש.

ווי אַן איינגעדרעמלטער ים ליגט אויסגעשפרייט די מאַכמעדאַנישע וועלט מיט אירע אומצייליקע מיליאָנען פון גלויביקע. דאָס שווערד פון נביא איז פאַרראָסטעט געוואָרן, דאָס שווערד, וואָס איז געלאָפן ווי אַ בליץ איבער ווייטע לענדער און האָט געטראָגן פייער און פלאַם. וואָס האָט געצונדן די הערצער פון די גלויביקע און האָט פאַרצערט און פאַרוויסט די שטעט פון די אומגלויביקע. איינמאָל האָט דער טעמפעראַמענט פון דער פאַרשלאָפענער וועלט אויפגעפלאַקערט אונטער דער אָנפירונג פון אַ ווילדן זון פון מדבר, און איז ווידער איינגעשלאָפן. אָט ועדט עס איצטער פון שלאָף. פון באַרג צו באַרג טראָגן זיך די שאָסן, און די עכאָס הילכן אָפּ.

דאָס ערשטע מאָל פון מיין זיין אין ארץ־ישראל האָב איך אין יענער אויסגעשטערנטער נאַכט דערפילט די פרעמדע סטיכיע, וואָס רינגלט אַרום אַלץ, דעם אַראַבישן עלעמענט. ווי אַלע טוריסטן בין איך אומגערנוויליק אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ

פאַלשער אילוזיע, אונטער אַן אויסנאַרונג פון די
חושים. דער יידישער טוריסט קומט באַזוכען דאָס
לאַנד און וויל אַלץ זען אין אַ קורצער צייט. ער
פאָרט מיט דער באַן, אָדער אין אַן אויטאָמאָביל,
דאָס גאַנצע לאַנד דורך, און אומעטום זעט ער נאָר
יידן און יידן. ער פאָרט פון תל־אביב קיין
ירושלים, מאַכט „אַבשפּרינגער״ קיין ראשון און
פתח־תקוה, פאָרט ביז חיפה און זעט זכרון־יעקב,
דערנאָך דורכן עמק־יזרעאל ביז ראש־פנה און
מתולה ווייט אויף צפון — אומעטום יידישע פונקטן.
ער זעט אַ יידיש לאַנד. דאָס נישט־יידישע, פאַר־
שטייט זיך, האָט ער נישט באַמערקט. דער אויטאָ־
מאָביל האָט הערי‌בער גאַלאָפּירט, און אין זיין גע־
דעכעניש איז גאָרנישט געבליבן. העכסטנס, האָט
ער נאָר געזען, דורכפאָרנדיק, נצרת און שכם,
די יידן־ריינע שטעט. די שטאַרקייט פון אונזער
פּאָזיציע אין לאַנד ווערט אַזוי־אַרום פאַרגרעסערט
פילפאַכיק, אַזוי ווי אַ שאָטן ביי אַ נידעריק־געהאַל־
טענעם ליכט. עס קומט נאָך דערצו די פרעמדקייט
פון דער שפּראַך, פון דעם לעבנס־שטייגער פון
דער אַרומיקער באַפעלקערונג. די אַראַבישע דער־
פער זעען אויס אַזוי קליין און נישטיק; ליימענע
הייזלעך ליגן איינס אויפס אַנדערע, איינס איבערן
אַנדערן, צוזאַמענגעטוליעט, אַזוי ווי אָנגעשאָטענע
בערגלעך אויף דער ערד. ס׳איז זייער נישט אָנזע־
עוודיק פאַרן אויג. אָבער אין די ליימענע הייזלעך
ראָיעט אַזוי ווי אין אַ מוראַשוויניק. עס ז׳רעגנט זיך
די אַראַבישע באַפעלקערונג אין זיי און פרוכפּערט

זיך און שטאַרבט אויס גיך כאַסנוויין פון די נישט־היגיענישע באַדינגונגען. די נאַטירלעכע פאַרמערונג איז אָבער אַזאַ שטאַרקע, אַז זי דעקט מיט אַ גרויסן צודרף די שטערבלעכקייט.

דאָס אַלץ קאָן מען וויסן פון דער סטאַטיסטיק, וואָס רעדט קלאָרע ווערטער וועגן דער צאָל יידן אין לאַנד (12%) און וועגן דער גרעסערער נאַטירלעכער פאַרמערונג ביי די אַראַבער, ווי ביי די יידן. אָבער ארץ־ישראל באַנעמט מען קודם־כל מיט די חושים, און די חושים נאַרן דאָס מאָל אויס. דאָס געשיסעריי פון די בערג, טראָץ דעם מיסטעריעזן כאַראַקטער, האָט מיך אַרויפגעפירט אויף ניכטערע מחשבות. איך האָב מיך געפילט אַרומגערינגלט פון אַ פרעמדער, אומבאַקאַנטער סטיכיע. איז זי פריינטלעך, איז זי פיינטלעך, די דאָזיקע סטיכיע? ווער קען זי! דער אַראַבישער קאָמיטעט אַגיטירט געגן די ציוניסטן, פּאָליטיש קאָנטראָלירט דער קאָמיטעט די לאַגע. אָבער דאָס פּאָליטישע שפּיל איז נישט מער ווי אַן אויבערפלאַכיקע באַוועגונג. און נאָך דערצו דאָ, אויפן אָריענט. איך בין מסופק, צי מען קאָן די אַראַבער אָנרופן אַ פאָלק, אין פּאָליטישן זין פון דעם וואָרט. פאַרגלייכונגען מיט אייראָפּע, מיט די פּאָליטישע באַוועגונגען, ביי אונז, זאָגן גאָרנישט.

ס'איז אַ ווייטער ברייטער ים, די אַראַבישע וועלט. אַ סטיכיע, אַ נאַטור־כּוח. דאָס, וואָס ברענגט די סטיכיע אין באַוועגונג, איז די פאַנטאַזיע, די

רעליגיע. דער עקאָנאָמישער מאָמענט שטופּט אַודאי נישט דעם אַראַבער אויפן וועג פון פיינטשאַפט צו יידן. ווייל צוליב יידן איז זיין עקאָנאָמישער מצב פיל פאַרבעסערט געוואָרן, און ער פאַרבעסערט זיך כסדר מיט דער פאַרשטאַרקונג פון יידישן ישוב. די פּאָליטישע אַגיטאַציע קאָן ווערן געפערלעך ערשט, ווען זי וועט די מזרח־פאַנטאַזיע וועקן.

ס׳איז נישט מער ווי אַ דורכלויפנדיקער געדאַנק, אָט די ווערטער מיינע, און איך שטעל זיי נישט אַוועק פאַר אַ טעאָריע. און זאָל קיינער מיר נישט האָבן פאַראיבל, וואָס איך שרייב אויף אויפן פּאַפּיר דורכלויפנדיקע געדאַנקען פון אַן אויסגעשטערנטער נאַכט. ס׳איז די לאַנדשאַפט פון גליל, וואָס האָט מיך באַהערשט, און וואָס זענען דען מענטשלעכע געדאַנקען, אויב נישט שטיקער לאַנדשאַפט?...

אַ מיסטעריעזע נאַכט איז דאָס געווען. צוועלף אַ זייגער ביינאַכט, ווען איך בין שוין געלעגן אויפן בעט, האָבן זיך אָנגעהויבן די רעליגיעזע צערעמאָניעס, צוליב דעם אָנהייב פון הייליקן חודש. די שייכן פון די גלויביקע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין מיטן דער נאַכט. די גרינע פאָן פון נביא איז אויפגעוויקלט געוואָרן, און אַ דעמאָנסטראַציע האָט געצויגן איבער די גאַסן, און כסדר, אָן אויפהער, שעהן נאָכאַנאַנד האָט אַ חזן געחזרט דעם אַראַבישן שפּרוך: „גאָט איז גאָט און מחמד איז זיין נביא״, און דער גאַנצער עולם האָט נאָכגעזאָגט. די פּויק האָט מאָנאָטאָן צוגעשלאָגן, טיק־טיק־טאַק, דריי דומ־

פע קלעפּ, וואָס האָבן אָפּגעענטפערט דעם שפּרוּן פון די מענטשן.

ווי לייכט איז אַריינצופאַלן אין אַ רעליגיעזן עקסטאַז ביי אַזאַ וואַנדערן אין מיטן דער נאַכט, ווען די ריטמישע מאָנאָטאָניע פון די ווערטער און די פּייק־שלעג פאַרשיכּורן ביז צום נישט־באַוואוסט־זיין.

די אַראַבישע וועלט האָט זיך געלאָזט פילן יענע נאַכט.

XII

„חלוקה-יידן"

די שטאָט צפת ליגט אָפּגעזונדערט און דער־הויבן אויף אַ שפּיץ פון אַ באַרג, אַ גאַנצן קילאָ־מעטער העכער פון טבריה און פון שפּיגל פון כּנרת. ווען אונטן איז אַ טראָפּישע היץ, בלאָזט אויבן אַ קילער ווינט. צפת איז נישט באַרירט געוואָרן פון דער נייער קולטור און פון די נייע ציוניסטישע שטרעבונגען. די שטאָט שלאָפט מיט דעם שלאָף פון מזרח און חלומט אַזוי ווי אַמאָל אין די אַלטע צייטן. זי ליגט אָנגעהאָנגען אויף דריי בערג, אַ הויז איבער אַ הויז לאָזט זיך אַראָפּ ביז צום טאָל. עס דוכט זיך, מען האָט דאָרט נישט נייטיק צו גיין אויף דער ערד, נאָר מיט באָרוועסע פיס זיך אַראָפּלאָזן פון דאַך צו דאַך; עס דוכט זיך, מען אָטעמט דאָרטן נישט מיט קיין לופט, נאָר מיט אַ דינעם עטער נישט פון דער וועלט, ווייל די אַטמאָספער פון די „עשר ספירות" רינגלט נאָך ביז היינט אַרום צפת און דאָס קבר פון ר' שמעון בן יוחאי.

פון טבריה קיין צפת פירט איצט אַ גוטער שאָסיי און אַ ביליקער „פאָרד" רוישט און הייבט אויף אַ שטויב און אַ רויך פון בענזין. דאָס אַריינדרינגען פון דער קולטור שטייט ערגעץ נישט אין

אַזאַ שאַרפֿן דיסאָנאַנס מיט דער לאַנדשאַפֿט ווי אָט דאָ. פֿון דאַנען עפֿנט זיך דער בליק איבער דעם גאַנצן טאָל פֿון ירדן. דאָס אויג כאַפּט אַרום אַ האַלב ארץ־ישׂראל, מען זעט דעם מי־מרום און דעם ירדן, ווי ער שלענגלט זיך אַרויס פֿון אים און פֿאַלט אַריין אין ים־כּנרת, מען זעט דעם גאַנצן כּנרת זיך שפּיגלען אין די שטראַלן פֿון דער זון. די ווילדסטע און צוזאַמען אויך די מילדסטע אָנבליקן האָט איר דאָ צוזאַמענגעמישט. אָט גרינט אַ גאַנצע געגנט און אָט שטייט אַ באַרג אינגאַנצן שטיין און פֿעלז, פֿליכיק און קאַל, נישט צוצוטרעטען. אַ ווילדע סאַרנע איז איבערגעשראָקן געוואָרן פֿון רויש פֿון אונזער אויטאָמאָביל און מיר האָבן זי געזען אַנטלויפֿן פֿייל פֿון בויגן צו דעם פֿעלזיקן באַרג, אַהין, וואו אַ מענטשלעכער פֿוס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָטן.

ר א ש־פּ נ ה, די אַלטע קאָלאָניע ליגט דאָ אויפֿן וועג פֿון טבריה קיין צפֿת. אויך זי, דוכטזיך, איז איינגעדרעמלט, און די מוטיקע ענערגיע פֿון נייעם ישוב פֿילט איר נישט אין איר. די וועגן זענען פֿאַרלאָזט, די פֿעלדער באַאַרבעטן די אַראַבער, און פֿון די געלטער, וואָס האָבן רייך געפֿלאָסן פֿון באַראָן ראָטשילדס קאַסע, האָט זיך צעבליט העכער איבער ראש־פּנה אַן אַראַבישער דאָרף. די אונטערשטיצונג, וואָס איז געקומען פֿון פּאַריז, איז געגאַנגען דורך די הענט פֿון די קאָלאָניסטן צו די אַראַבער, וואָס האָבן אַמאָל געוואוינט אין יענער געגנט שרעקלעך פֿאַרוואָרלאָזט און פֿאַראָרעמט.

די אַרבעט אין ראש־פּנה האָט זיי געשטעלט אויף די פיס און פיל פון זיי זענען רייך געוואָרן...

דער וועג מאַכט שאַרפע בייגונגען. פון די גרינגע פעלדער פון ראש־פּנה קוים עטלעכע מינוט פאָרן קוקט אייך אָן דער ווילדער רויער הר־כּנען... וואָס איז דאָס פאַר אַן איילעניש און רייסעניש דורכצולויפן דעם וועג מיט אַ רוישעדיקן אויטאָמאָביל אין פאַרלויף פון צוויי שעה צייט! אַמאָל פלעגט זיך אין טבריה צוזאַמענקומען אַ שיירא, אַ קאַראַוואַן, און מען האָט געזאָטלט אייזלען און פּרדות. פרומע יידן מיט פּאות און גאַרטלען האָבן זיך אויף זיי געזעצט, און מען האָט געשטיגן באַרג־אַרויף העכער און העכער, אין אַ פאַמעלעכן טעמפּאָ; די גרויסע גראָע ברעמען פון די אַמאָליקע הייליקע מענער האָבן זיך ברייט געעפנט, די לאַנדשאַפט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זייערע אויגן, וואָס אין זייער היים האָבן זיי נאָר די אותיות פון דער תורה געלייענט. אפשר דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן האָבן זיי אַ לאַנדשאַפט געזען און זי האָט זיך איינגעזאַפּט אין זייערע נשמות, און זיי זענען פאַרטראָגן געוואָרן אין אַ וועלט, אַ געחלומטע, אין אַ וועלט פון וויזיאָנען, די וועלט פון די מקובלים.

איר, דער דור פון גאָטס־לעסטערער, הערט אויף צו וואַרפן שטיינער און בלאָטע אויף זיי, אויף די „חלוקה־יידן״! פון הונדערטער און הונדערטער יאָרן לאַנג לאַנג איידער ס'איז נאָך געווען אַ „באַוועגונג״ פון חבת־ציון און פּאָליטישן ציוניזם,

האָבן זיי אַהער געוואַנדערט, געטראָגן פון אַן איידעלער בענקשאַפט. זיי זענען נישט אָבער „געקומען שטאַרבן"; לעבעדיקע מענטשן, ווי לאַנג דאָס האַרץ קלאַפּט אין זיי, פאָרן נישט שטאַרבן, מאַכן נישט די שווערסטע אָנשטרענגונגען און לאָזן זיך נישט אויף די ווייטסטע נסיעות, כדי אַנטקעגנצוגיין דעם טויט. זיי זענען געפאָרן לעבן אין אַ העכערן זין פון וואָרט; זיי האָבן געזוכט צו פאַרברענגען די לעצטע יאָרן פון זייער לעבן אין אַ גייסטיקער דערהויבנקייט, וואָס זיי האָבן דאָ געפונען. דאָס איז געווען אונזער גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט אַהער געוואַנדערט. נישט די גרויסע וועלט־באַרימטע רבנים, וואָס האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דעם עפנטלעכן לעבן, זענען דאָס געווען, נישט די גרויסע מפורסמים, וואָס האָבן געפירט דאָס כסא־הרבנות אין די גרויסע שטעט, נאָר שטילע צדיקים, פאַרטיפטע און געלייטערטע נשמות. דאָ האָבן זיי אַרומשפּאַצירט, צווישן די בערגער און טאָלן, דאָ האָבן זיי גערייניקט זייערע גופים און נשמות, און דאָ איז די „קבלה" געבוירן געוואָרן, וואָס איז געווען די מוטער פון אַלע מיסטיש־רעליגיעזע באַוועגונגען ביי יידן.

קנאָכיקע געשטאַלטן, פייערדיקע אויגן, פיינגעשניצטע פּנימער און אַ בלייכקייט איז אויף די פּנימער, וואָס איז נישט טויט און נישט לעבן, נאָר עפּעס אַ דריטע ספערע — דאָס איז ער, דער חלוקה־ייד, דער באַשייגענער, פאַרהאַסטער, געזידלטער.

זייערע אור־אור־אייניקלעך זענען אָרעמע בעלי־מלאכות. איך האָב זיי געזען אין צפת און אין טבריה. שניידערס און שוסטערס פון די היי־מישע יידן, וואָס פאַרדינען צו 12 פּיאַסטער אַ טאָג, יונגע אַרבעטער, וואָס גייען שבת שפּאַצירן אין שטאָט־גאָרטן פון טבריה מיט ספרדישע מיידלעך. זיי רעדן אַ געשמאַקן, אַ ריינעם יידיש, און איך ווייס נישט, אויף וואָסער לשון זיי פלירטעווען מיט די שוואַרץ־אויגיקע ספרדקעס. זיי האָבן שוין פון דעם נייעם ישוב געהערט, זיי זענען געקומען מיט אים אין באַרירונג, פאַרשטייען העברעיש, סימפּאַטיזירן מייסטנס מיט דער נייער באַוועגונג, אָבער זיי קענען אין איר נישט געפינען קיין אָרט.

— פאַרוואָס זענט איר נישט אין דער „הסתדרות” (דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון ארץ־ישראל) — האָב איך געפרעגט אַ גרופּע טבריהער איינגעבוירענע אַרבעטער, וואָס האָבן מיך אָנגעקוקט אַ ביסל פרעמד און מיט אומצוטרויען.

— מיר האָבן שוין געפרוווט. שלעכט אָן איר, ערגער מיט איר... האָבן זיי מיר אָפּגעענטפערט.

זיי אַרבעטן פאַר אַ העלפט פון דעם טאָג־לוין, וואָס איז פעסטגעזעצט פון דער „הסתדרות”. זיי זענען איינגעפלאָכטן אין דער אָרטיקער קאָניונקטור, וואָס איז נאָך גאַנץ אַנדערש פון דער קאָניונקטור, וואָס איז גילטיק פאַר דעם אייראָפּעישן חלוץ און פאַר דער ציוניסטישער טעטיקייט. דאָס זענען צוויי וועלטן אָפּגעטיילטע.

אָבער אויף די פּנימער פון די בעלי־מלאכות איז נאָך געבליבן שפּורן פון דער אַמאָליקער גייסטיקייט. די שטים קלינגט ביי זיי זאַנפטער און די אויגן קוקן פאַרחלומטער, ביי די אייניקלעך פון די מקובלים.

צי ווייסט עמיצער, וואָס זיי האָבן איבערגעטראָגן, וואָסערע שווערע נסיונות זיי האָבן דורכגעמאַכט די לעצטע יאָרן! פון דער שטאָט צפת, וואָס האָט געציילט פאַר דער מלחמה 12000 יידישע נפשות, זענען געבליבן עפּעס מער ווי 3000, די רעשט איז אויסגעשטאָרבן פון הונגער און קראַנקהייטן, אין די ערשטע דריי יאָר פון דער וועלט־מלחמה. דאָס איז אַ גאַנץ קאַפּיטל פון מענטשלעכע לייד און פּיין, וואָס איז דורך אַזוי אומבאַמערקט!

אין צפת איז מען חדשים און יאָרן נאָכאַנאַנד געשטאָרבן פאַר הונגער, מען האָט נישט באַוויזן צו באַגראָבן די מתים. מיר האָט געשילדערט די לאַגע אַ יונגער בחור אַ פורמאַן פון די אָרטיקע, און זיינע פּשוטע, נישט־געקינסטלטע ווערטער האָבן געקאָנט רירן אַ שטיין.

זיינע צוויי שוועסטער, זיין פאָטער זענען געשטאָרבן פאַר הונגער. דאָס הייסט, דערציילט ער מיר, ווען איך פרעג מיך נאָך פון נייגעריקייט וועגן — זיי האָבן זיך נישט געקענט רירן, ווייל זיי האָבן געקראָגן געשוואָלענע פיס, און זענען געשטאָרבן. צוויי שילינג האָט געקאָסט אַ פונט ברויט... ער אַליין האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב, האָט

געטראָגן משאות און האָט פֿאַרדינט אויף אַ האַלבן פונט ברויט אַ טאָג, האָט ער דורכגעהאַלטן. די צרה איז נאָר געווען, וואָס ער האָט נישט געהאַט וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, אַהיים האָט ער נישט געקאָנט קומען, ער האָט נישט געקענט צוזען, ווי זיינע שוועסטער און זיין פֿאָטער גייען־אויס פֿון הונגער, בשעת ער האָט אַלע טאָג געגעסן. „איך האָב זיי נישט געקאָנט ראַטעווען" — דערציילט ער מיר אין אַ פּשוטן טאָן, „אַ נישט וואָלט איך געשטאָרבן צו־זאַמען מיט זיי. וואָס קען מען אָפּגעבן פֿון אַ האַלב פונט ברויט, בשעת איך בין אַליין שטענדיק הונגעריק און מוז שווער אַרבעטן!"

האָט ער זיך געוואַלגערט אויף דער גאַס מיט זיין קראַנקן געוויסן. די שוועסטער זענען אים נישט קיין שאָד, זיי האָבן געמוזט שטאַרבן, ווייל זיי זענען געווען שוואַכע, נאָר דער פֿאָטער איז אים אַ שאָד. אַ גבר אַ ייד געווען, און ער האָט אויסגע־האַלטן ביז צוויי טעג, איידער די ענגלענדער זענען אַריינגעקומען, וואָלט ער נאָך דערצויגן די עטלעכע טעג, וואָלט ער געבליבן לעבן.

אַזוי דערציילט מיר דער 18־יעריקער בחור אין אַ זאַכלעכן טאָן, בשעת מיר וואַנדערן איבער די גאַסן פֿון צפֿת, די אויסגעשטאָרבענע יידישע שטאָט.

נישטאָ מער קיין זקנים, די ישיבות און בתי־מדרשים זענען געוואָרן אויסגעליידיקט, גרוים איז געוואָרן אין די הייזער, נאָר די שיפּועים פֿון די בערג זענען באַזייט מיט בית־עלמינס, יידישע און

אַראַבישע, און דו ווייסט נישט, וואָס ס'איז גרעסער, די טויטע צי די לעבעדיקע שטאָט.

נישט שעלט זיי און נישט וואַרפט אויף זיי קיין שטיינער, אויף די מענטשן פון אַלטן ישוב! עס קלינגט ווי אַ גאָטלעסטערונג. מעגן זייערע פירער און פּאָליטיקער זיין ווערט די שטראָף. זיי אַליין זענען אַ שטיק ארץ־ישראל, אַ שטיק פון איר לאַנד־שאַפט, פון איר רירנדיקער שיינקייט, פון דער הייליקייט, וואָס שוועבט איבער איר פון אַלטע דורות און וואָס וועט קיינמאָל נישט אויפהערן.

XIII

אזיע און אייראפּע

די יידישע פּאָזיציע אין ארץ־ישראל איז אַ שטאַרקע, אַן אָנגעזעענע, אין געוויסע ערטער און אין פאַרשידענע הינזיכטן — אַ דאָמינירנדיקע, כאָטש אונזער צאָל אין לאַנד איז קליין, סך־הכּל האָבן זיך געפונען ביי דער לעצטער ציילונג 84.000 יידן אין ארץ־ישראל, און דאָס מאַכט אויס קוים 12 % פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. אָבער מיר זענען אייראָפּעער, און אַרום זענען אַזיאַטן. דאָס זאָל מען קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ס׳זענען נאַרישע דהשות די אַלע רייד וועגן אונזער ראַסן־נאָנטשאַפט מיט די אַראַבער. אַז מיר קומען קיין ארץ־ישראל און מיר געפינען דאָרט אַ ברודער, וואָס איז בלויז דורך אַ צופאַל פון אונז פאַרפרעמדט געוואָרן. אין דער ליכט פון דער ווירק־לעכקייט האָבן די רייד קיין שום זין נישט. מיר זענען נישט מער קיין אַזיאַטן, נאָכדעם ווי מיר האָבן אָנגעשפּאַרט אין אַלע ווינקעלעך פון אייראָפּע, און האָבן דאָס גוטע און שלעכטע פון איר איינגעזאַפּט אין אונזער בלוט; די אַראַבער אָבער זענען געבליבן די קינדער פון אַזיע און אירע וויסטעניישן.

דער אמת איז, אַז ערגעץ אויף דער וועלט איז די מחיצה צווישן יידן און נישט־יידן נישט אַזוי דיק, כּמעט ווי אומדורכדרינגלעך, ווי אין דעם לאַנד. אַלע אונזערע געוואוינהייטן, אַלע אונזערע באַדערפעניש‌ן, מיט איין וואָרט, אונזער גאַנצע קולטור איז אַן אייראָפּעישע, און די דאָזיקע קולטור האָט פאַרכאַפּט נאָר די סאַמע שפּיצן, געציילטע מענטשן, פון די אַראַבער, און אויך זיי בלויז אין אַן אויבערפלעכלעכער מאָס. ארום לעבט אַ פאָלק פון אַ ווילד־פרעמדער קולטור, אַרום — איז אַזיע. און דאָס בילד, וואָס איר האָט אומעטום, וואו עס געפינט זיך אַ קליינע צאָל אייראָפּעער צווישן אַ גרויסער מאַסע אַזיאַטן, האָט איר אויך דאָ. די היסטאָרישע טענות פון די יידן צו ארץ־ישראל וואָלטן ווייניק־וואָס געערדט צו דעם האַרץ פון אַראַבער, ער וואָלט זיך קנאַפּ איבערגענומען דערפון, אָבער די אייראָפּעישע האַלטונג פון דעם ייד, זיין אַרט־לעבן, זיין אַרבעט, זיינע העכערע באַדערפעניש‌ן — דאָס אימפּאָנירט אים.

עס אימפּאָנירט אים און עס רייצט זיין פאַנטאַזיע, און עס איז דאָ אַ פעלד פאַר העצער אַרויסצורופן „אַנטי־אייראָפּעישע" מאַסן־באַוועגונגען, אַזוי ווי דאָס פאַסירט אין אַלערליי „קאָלאָניעס". די מעשה איז אָבער, וואָס די אַלע „באַוועגונגען" און אויסברוכן, וואו זיי זאָלן נישט געשעען, גייען דורך, און זיי ענדערן ווייניק־וואָס די באַציונגען.

איר דערקענט די באַציונג אין וואַגאָן פון דער באַן, איר דערקענט זי אין גאַס, איר דערקענט זי

גומעטום, וואו אַ ייד טרעפט זיך מיט אַן אַראַבער. נישטאָ דאָס אינסטינקטיווע אָפּטרעטן דעם וועג, צו וואָס דער ייד איז אַזוי געוואוינט. איך וועל נישט זאָגן, אַז מיר זענען דאָס הערשער־פאָלק אין ארץ־ישראל, אָבער אויף יעדן פאַל זענען מיר נישט די אונטערגעוואָרפענע, די אָפּהענגיקע. ס'איז גענוג, איר זאָלט זיין איין שעה אין ארץ־ישראל, איר זאָלט דאָס דערפילן.

אמת, ס'איז אין ארץ־ישראל, פאַר אַ רייזנדן, אַ סך שווערער אַריינצודרינגען אין דעם אַרט פילן און דענקען פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, ווי ערגעץ־אַנדערש. די נאָענטקייט פון דער אַראַבישער שפּראַך צו העברעיש איז אַ טעאָרעטישע, נישט קיין פּראַקטישע. בשעת, למשל, אין איטאַליע, אַר־גענטינע, צי בראַזיליע, קאָן דער אייראָפּעער מיט אַ ביסל מי, אויב נאָר ער איז באַקאַנט מיט עטלע־כע פון די הויפּט־שפּראַכן, זיך אין אַ קורצער צייט אויסלערנען צו פאַרשטיין אַ צייטונג און צו כאַפּן אַזוי־אַרום דעם דופק פון לעבן, איז אין ארץ־ישראל בלייבן פאַר אים די אַראַבישע צייטונגען היע־ראָגליפן, בלויז אויף אויסצולערנען די שריפט־צייכן וואָלט ער געמוזט אָפּגעבן פיל, פיל מי. מענטשן, וואָס זענען באַהאַוונט אין אַראַביש, זענען אַפילו צווישן די איינוואוינער פון ארץ־ישראל זעלטנהייטן. אַפילו די שילער פון די העברעישע גימנאַזיעס נייען אַרויס נישט מיט אַזאַ גענוגנדער קענטעניש פון אַראַביש, ווי מען וואָלט געקאָנט מיינען. די אַראַ־בישע וועלט בלייבט דעריבער, — גאָר באַזונדערס

דעם טוריסט — פרענד און אומבאַקאַנט, און נאָך פון די ציטאַטן פון אַראַביש, וואָס ווערן געבראַכט אין „הארץ" און אין „דואר היום", קאָן מען געוואָר ווערן פון צייט צו צײַט, וואָס עס טוט זיך דאָרט אין יענעם לאַגער.

יעדער, וואָס באַמיט זיך אַרײַנצוטראַכטן אין אַ לאַגע, וואָס וויל זײַן מער-ווייניקער אָריענטירט, וועט נאָך דאַנקבאַר זײַן פאַר די ציטאַטן פון די אַראַבישע צייטונגען; ער וואָלט באַגערט, זיי זאָלן זײַן וואָס אויספירלעכער, ווייל דאָס איז דאָך פאַר אים די איינציקע מעגלעכקייט צו הערן די שטים פון דרויסן. און שטעלט אייך פאָר, אַז אין בערלין האָבן זיך געפונען „קנאים", וואָס האָבן פּראָטעסטירט אין „העולם", למאי זעצט מען איבער די אַראַבישע יללות, פּראָטעסטן און דראָונגען. דאָס, פאַרשטייט איר, קאָן נאָך, חלילה, שאָדן. יידן ווען הערן און וועלן זיך שרעקן. זאָלן זיי ניט וויסן, וואָס די אַראַבער זיי ווילן, ווען וועט עס אָן? א. אַז. וו. דער „הארץ" איז געווען עונסט באמת אויפצווייזן, אַז מען דאַרף דאָס יאָ טון.

איך וואָלט געקאָנט עפּעס זאָגן אויף צו באַרויקן די בערלינער פּאַטריאָטיקער, וואָס האַלטן, קענטיק, שטאַרק פון דער האָזישער חכמה צו פאַרשטעקן דעם קאָפּ אין גראָז. אָט האָב איך די גאַנצע צייט פון מיין זיין אין ארץ-ישראל גראָד געלייענט מיט פיל אויפמערקזאַמקייט די ציטאַטן פון דער אַראַבישער פּרעסע, און זיי האָבן אויף מיר געמאַכט אַ ווירקונג גראָד אין אַ פאַרקערטן זין, דאָס הייסט, זיי האָבן

מיך באַרויקט, זיי האָבן מיר געגעבן די מעגלעכקייט אָפּצושאַצן די לאַגע ווייניקער ערנסט, ווי איך האָב מיר אויסגעמאָלט.

„דאָס איז דער טאָן, וואָס מאַכט די מוזיק”.

אַז איר לייענט אויפמערקזאַם די ציטאַטן, איז דאָס ערשטע, וואָס איר געפינט אַזוי פרעמד דערין, אַזוי אומבאַקאַנט, — דער מינאָרנער טאָן, דער טאָן פון אַ קלאָג־ליד, וואָס קלינגט אין די אַלע אַרטיקלען. עפּעס אַ מין „אוי מה זה היה לנו”. דאָס איז אַזוי ווייט פון דעם אַנטיסעמיטישן נוסח אין די אייראָפּעישע לענדער, וואו איר פילט דעם אָנפאַלער, דעם רייצער, אין פולן באַוואוסטזיין פון זיין פריווילעגירטקייט אַנטקעגן דעם אָנגעפאַלענעם. טראָץ אַלע באַמיונגען צו רעדן אין אַ דעצידירנדן טאָן: „מיר זענען דאָ די בעלי־הבתים”, פילט איר אַרויס יענע נאָטקע פון אַ געוויסער אומבאַהאָלפנקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט אַזוי יעדע באַגעגעניש פון אַן אַזיאַט מיט אַן אייראָפּעער און וואָס דריקט זיך אַזוי בולט אויס אין זיין שמייכעלע.

אַן אַראַבישער באַקאַנטער שרייבער איז געווען פּסח־צייט אויפן הר־גריזים, וואו עס זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן פיל יידן, צווישן זיי עטלעכע הונדערט חלוצים, צו זיין ביי די שומרונים, ווען זיי זענען מקריב דעם קרבן־פּסח. ער האָט די סצענע באַשריבן פון אַראַבישן שטאַנדפּונקט. „אָט גייען זיי, הונדערטער און הונדערטער, יונגע לייט, שטאַרקע, קרעפטיקע, ריין־געקליידטע, ענערגישע... זיי פאַרנעמען דאָס לאַנד... און מיר ליגן אין אונזער פאַר־

שלאָפנקייט, אין אונזער פאַרוואָרלאָזטקייט. וואָס וועט דאָס זיין פון אונז?! און אַזוי ווייטער אין דעם נוסח פון אַן איכה.

פאַרגלייכט אָט דעם אַנטי־יידישן אָנפאַל מיט די ווערטער פון אַלעמבערגער „יידן־פריינט", וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געשריבן וועגן יידן, פאַר־וואָס זיי גייען אַזוי אַנדערש אָנגעטון. פאַרוואָס זיי זענען אַזוי ברודיק א. אַז. וו. און איר וועט אַרויס־פילן דעם גאַנצן מהלך, וואָס ליגט צווישן די צוויי באַציונגען פון דער אַ־ומיקער סביבה צו אונז.

אי דאָ, אי דאָרט איז די פרעמדקייט, די אַנדערשקייט, דער הויפּט־מאָטיוו. אָבער בשעת דאָ איז עס אַ באַציונג פון אויבן־אַראָפּ, איז עס דאָרט אַ באַציונג פון אונטן־אַרויף.

מען מוז זיך אין פּאַלעסטינע אַ ביסל באַ־פרייען פון די אייראָפּעישע באַגריפן, מען מוז אויס־מיידן צו מאַכן פאַרגלייכן, אויב מען וויל עפּעס פאַרשטיין.

XIV

א פרעמדע גייסטיקע וועלט

זענענדיק אין תל־אָביב, אין דער שטאָט פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, האָב איך מיך אויף קיין איין מינוט נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז איך בין דאָ אַ פרעמדער, אַ פרעמדער און אַ ווייטער, אַ גאַסט, אַ „גלות־ייד".

פון צייט צו צייט, כּדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, האָב איך געמוזט אַנטרונען ווערן אין אַ „קבוצה" פון עמק־יזרעאל, צי אין אַן אַרבעטער־קיך אין פּתח־תקוה, וואו דאָס געפיל פון אָפּגעריסנקייט און פאַרפרעמדקייט האָט נאָכגעלאָזט.

איך מוז דאָ זאָגן דעם אמת אָפן, אָן שום פאַרדעקעניש: אויף וויפל דאָס מאַטעריעלע ארץ־ישראל, — זיין לאַנדשאַפט, זיינע אַרבעטנדיקע מענטשן און זייער ווערק — איז מיר ליב און טייער, אויף אַזוי פיל איז מיר פרעמד און ווייט דאָס גייסטיקע ארץ־ישראל, זיין גייסטיקע אַטמאָספער, דאָס אַרט פילן און דענקען, וואָס כאַראַקטעריזירט תל־אָביב, די רעזי־דענץ פון דער „גלות"־אידעאָלאָגיע.

דאָס איז די אידעאָלאָגיע פון דעם „מורה עברי" און „סופר עברי" (דער העברעישער לערער און דער העברעישער שרייבער), וואָס דאָס יידישע פּראָבלעם איז קודם־כּל פאַר אים אַ בוך־פּראָבלעם,

פון די ביכער אַרויסגעלייענט, נישט פון לעבן דורכ־געוויייטיקט, אַ פראַגע פון דער „אומה" (נאַציע) און פון דער „קולטורה", נישט די פראַגע פון די ייִדי־שע מענטשן, פון די פאָלקס־מאַסן.

דער גלות! זאָל ער דאָרט פוילן און פאַר־פוילט ווערן אין זיין פאַרוואָרלאָזטקייט, און מיר דאָ ראַטעווען דאָס „שארית ישראל". מיינט נישט, אַז איך לייג דאָ עמיצן אין מויל אַריין איבערגע־טריבענע ווערטער, אַז איך באַנוץ פאָלעמיסטישע מעטאָדן. דאָס איז דער געדאַנקען־גאַנג דערו אָנגע־גומענער, דער פאַרשפרייטער — ביי דער אינטע־ליגענץ.

מיר גיט איבער אַן אַלטער, אַן אויסגעפּרווו־טער העברעיִשער לערער, היינט אַ בעל־הבית פון אַ הויז, איינגעוואָרצלט אין ארץ־ישראל און אַ טי־פּישער איינוואוינער פון תל־אָביב, אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט דעם פאַרשטאָרבענעם שרייבער בן־יהודה, דער גרינדער און קעמפער פון ריינעם העברעיזם אין ארץ־ישראל, נאָך מיט יאָרן צוריק. דער נאָמען בן־יהודה איז אַ הייליקייט אין ארץ־ישראל. ער ווערט גערעכנט פאַר דעם פאָטער פון דעם לעבעדיקן העברעיש, וואָס דער יונגער דור ווערט איצט אויף זיִם אויפגעצויגן. בן־יהודה איז אָן שום ספק געווען אַן ערנסטע און קאָנסעקווענטע פּערזענלעכקייט, און ער האָט געהאַט דעם מוט אַרויסצוזאָגן זאַכן, וואָס ביי אַנדערע באַמבלט עס זיך אויף דער צונג; און זיי זאָגן עס נישט אַרויס. דאָס געשפּרעך האָט זיך געפירט (פאַרשטייט זיך,

אויף העברעיש, ווײַל בן־יהודה איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט קיין אַנדער שפּראַך נישט באַנוצט אין טעגלעכן געברויך) וועגן דער שפּראַכן־פראַגע.

דער פרעגער האָט געפרעגט מעשה „ילמדנו רבינו":

— ומה יהיה אם יבואו הנה ההמונים. הלא יביאו אתם את הז'רגון? (און וואָס וועט זײַן, אויב די מאַסן וועלן אַהער קומען. זיי וועלן דאָך מיט־ברענגען דעם „זשאַרגאָן"?)

אויף דערויף האָט בן־יהודה געענטפערט:

— „לצערנו ולשמחתנו לא כל־כך מהרה יבואו" (צו אונזער באַדויערן און צו אונזער פרייד וועלן זיי אַזוי גיך נישט קומען).

איך גיב איבער דאָס געשפּרעך אויטענטיש, וואָרט ביי וואָרט, אַזוי ווי איך האָב עס געהערט, ווייל דער דערציילער האָט דאָס דערציילט מיט דער גרעסטער פּיעטעט און בעוואונדערונג פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם, אַזוי ווי מען זאָגט נאָך אומגעהייער טיפע ווערטער פון אַ פאַרגעטערטן מענטשן.

דאָס זענען נישט קיין צופעליקע ווערטער, נלאַט־אַזוי אויפגעכאַפּטע. דאָס איז דער קערן, דער יסוד, דער ווינקל־שטיין פון אַ באַשטימטער אידעאָלאָגיע.

פּרווט עס איבערזעצן אויף דער שפּראַך פון דעם טאָגלעכן לעבן, וועט איר באַקומען אַזאַ פאָרמול:

אויב עס וועט שטיין אויסצוקלייבן איינס פון די צוויי: אַ באַגרענעצט ארץ־ישראל פאַר גע־

צײַלטע מענטשן מיט דער העברעישער שפּר, אָך אָדער אַ מאַסן־ארץ־ישראל מיט „גלות" און „זשאַר־גאָן", — וועט מען ליבער אויסקלײַבן דאָס ערשטע.

איך בין כּלל נישט אויסן אַרײַנצולאָזן זיך אין אַ פּאָלעמיק וועגן דער שפּראַכן־פֿראַגע, אין „גלות" און אין ארץ־ישראל. דער צוועק פֿון די אַרטיקלען (אפשר האָבן דאָס די לעזער אַלײן שוין געמערקט) איז צו באַשרײַבן. איך בין באַמיט, מיר קלאָר צו מאַכן, וואָס איך האָב געהערט און געזען, איבערצוגעבן מײַנע אײַנדריקן. און אָט פּאַ־סירט עס אַמאָל, וואָס אַ דערצײלטער אַנעקדאָט, איבערגעגעבן אָן שום כּוונות, גיט אײַך אַ גאַנצע איבערלעבונג.

איר דערפֿילט אײַך מיטאַמאָל פֿרעמד, ווײַט, אָפּגעריסן, אויב, פֿאַרשטײט זיך, איר זײַט „אַ גלות־ייד", אַ ייד, וואָס די יידישע פֿראַגע איז פֿאַר אים קודם־כּל די פֿראַגע פֿון דער פּראַקטישער נויט פֿון די יידישע מאַסן, די פֿראַגע פֿון זײער מענטשלעכער דערהײבונג, פֿון זײער געזונט־ווערן און צוריקקער צו זעלבסטשטענדיקײט.

און זאָל עס דאָ אויך באַצײכנט ווערן, אַז דאָס איז, כאָטש די אָפּיציעלע, אָבער נישט די אײנציקע יידישע וועלט־אָנשוינג פֿון ארץ־ישראל.

גראָד דאָס פֿאַרקערטע קאָנט איר געפֿינען בײַ דעם טראַגיש־אומגעקומענעם און אַזוי ווײניק אָפּגעשאַצטן העברעישן שרײַבער ב ר ע נ ע ר.

ברענער שטעלט מיט זיך פֿאָר די שטים פֿון פֿאָלק אין דער העברעישער ליטעראַטור. ער איז

פון פיין און לייד געקנאָטן. ער האָט אויך זיינע חסידים און אָנהענגער, אָבער איר וועט זיי געפינען נישט אין דער אָפיציעלער וועלט. עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט האָט ער געשריבען: „איך ווייס נישט, וואָס ארץ־ישראל וואָלט היזק געהאַט, אויב דאָ וואָלט געלעבט אַ האַלב מיליאָן יידן, און זיי וואָלטן גערעדט „זשאַרגאָן".

דאָס איז נישט די שטעלונג צו דער שפּראַכן־פּראַגע, וואָס רעדט פון די ווערטער. ווייל ברענער איז געווען נישט ווייניקער העברעיסט, ווי בן־יהודה דאָס איז די שטעלונג צו דעם גאַנצן ענין, וואָס מיר רופן מיט דעם נאָמען „יידישע פראַגע", און וואָס יעדער פאַרשטייט דערונטער עפּעס אַנדערש.

וואָס מען פאַרשטייט דערונטער אין תּל־אָביב, וועט אייך שילדערן אַ צווייטער צופעליקער געשפרעך, וואָס איז מיר שטאַרק־שטאַרק געבליבן איינגעקריצט אין זכרון.

...יז אַ קאַפע־הויז אין תּל־אָביב בין איך געזעסן מיט אַ העברעישן שרייבער און אַ העברעישר לערער, ווען ...אָס בלאַט־צייטונג איז אָנגעקומען, וואָס האָט אונז געבראַכט דאָס טרויעריקע (פאַר מיר) נייעס, אַז די פעראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע האָבן פעסט געשלאָסן די טויערן פאַר דער יידישער עמיגראַציע. מיר האָבן באַקומען די ידיעה וועגן דעם, אַז ס'איז אָנגענומען געוואָרן די נייע קוואָטאָ, וואָס מאַכט פאַקטיש פאַר אוממעגלעך אַן עמיגראַציע אין אַ באַדייטנדער מאָס קיין אַמעריקע אַן איוב־בשורה איז דאָס געווען, מיין איך,

פאַר די יידישע מאַסן אומעטום; אין מזרח־אייראָפּע, וואו זיי וואוינען. דאָס ערגסטע, וואָס ס'האָט גע־קאָנט פּאַסירן אין די דאָזיקע צייטן, איז געשען. ווער עס האָט זיי געזען, די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער, אין זייער נויט און רעזיגנאַציע, אין זייער האָפענונגסלאָזיקייט און נידערגעשלאָגנקייט, מיט דעם איינציקן פונק האָפענונג צו קומען אַהין, וואוהין זייערע ברידער, שוועסטער און קרובים האָבן זיך געראַטעוועט פון די קלאַמערדיקע לאַפּעס פון דער נויט, — ווער עס האָט זיי געזען, די מאַסן, דער קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס דאָס איז געווען פאַר זיי פאַר אַ טאָג, ווען די בשורה איז אָנגעקומען, אַז אַ סוף און אַן עק, און אַז די איינציקע האָפענונג מעגן זיי באַגראָבן אויף אייביק.

זיצן מיר אַלע דריי, איך אַ טרויעריקער, און מיינע צוויי מיטזיצער — פריילעכע און מונטערע, געלויבט צו גאָט, מען וועט אויפהערן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע, וועט זיך פאַרגרעסערן די אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל!

פאַרשטייט זיך, דער חשבון איז דאָ אומגעהייער איבערגעטריבן, ווייל נאָר גאָר אַ קליינער נישט באַדייטנדער ברוך־טייל פון די מאַסן, וואָס האָבן געוואָלט עמיגרירן קיין אַמעריקע, קאָן עמיגרירן און זיך איינאָרדענען אין ארץ־ישראל. נישט ארץ־ישראל טויג פאַר די צענדליקער טויזנטער, נישט זיי טויגן פאַרן לאַנד. דאָך האָבן זיך מיינע צוויי מיטשמועסער געפילט כמעט באַגליקט פון דעם בייעס.

מיט טרויעריקע דריקנדיקע מחשבות בין איך אַוועקגעגאַנגען פון דעם געשפּרעך. נישט מיין באַדויערן, נישט זייער צופרידן־זיין קאָן עפּעס העלפן דער יידישער נויט. דאָס געזעץ איז אָנגענומען, און די גזרה איז געחתמעט — אַ פאַקט. אָבער ווי פרעמד און ווי ווייט זענען מיר די מענטשן! אַז וואָס פאַר מיר איז אַ צרה, איז פאַר זיי אַ ישועה, און פאַרקערט. וואו איז אונזער אייניקייט? מיט וואָס בלייבן מיר פאַר בונדן?

אַ דור וואַקסט־אויף דערצויגן אויף העברעיש. איך באַטאָן נאָכאַמאָל, נישט די שפּראַכן־פראַגע איז דער עיקר, נאָר אַלץ, וואָס ליגט באַהאַלטן אונטער איר, דער גאַנצער געדאַנקען־גאַנג, די גאַנצע וועלט־אָנשויונג. צוזאַמען מיט דעם שטרענגן אָנזאָג, וואָס דאָס קינד באַקומט, „אָסור לדבר זשרגונית", באַקומט ער אויך אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם גאַנצן „גלות" (דאָס הייסט, וועגן אונז אַלע, וועגן דעם גאַנצן צעשפּרייטן פאָלק), ווי וועגן עפּעס אַ צעפוילטער עקלהאַפטער זאַך, און אַ זינדיקער דערצו. אומגעפער אַזאַ געפיל, וואָס מיר האָבן געהאַט אין חדר צו יענע, וואָס האָבן געבענקט צום טאָפּ פלייש און האָבן געוואָלט צוריק קיין מצרים, צו דער קנעכטשאַפט.

מען טרייסט אונז: עס וואַקסט אויס אַ דור אַ געזונטער, אַ נאָרמאַלער, אַ באַגרענעצטער, ווייל יעדעס פאָלק, וואָס לעבט אין זיין היים, איז באַגרענעצט, נאָר מיר, יידן, צוליב אונזער נישט־איינגעוואָרצלטקייט, זענען וועלט־מענטשן און פרייע

גייסטער. זאָל דאָס זיין אַ טרייסט פאַר די, וואָס ווילן געטרייסט זיין. פאַראַן אַ סך פאַרנינפטיקע מענטשן אין ארץ־ישראל, וואָס זעען די דאָזיקע פאַרפרעמדקייט אָנקומען, וואָס פון איין זייט באַדויערן זיי און פון דער צווייטער זייט באַרעכטיקן זיי עס. אָבער וויפל מען זאָל דאָס נישט באַרעכטיקן, — דער „גלות־ייד", אויב ער איז געטריי זיך אַליין, אויב ער איז איינגעוואָרצלט און שטעקט צווישן פאָלק, וועט זיך דאָ פילן מאָדנע פרעמד, מאָדנע ווייט... אין דער דאָזיקער גייסטיקער וועלט.

און ער וועט זוכן צו כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט אין אַן אַרבעטער־קאָלאָניע, וואו עס קאָכט זיך דורך און וואו עס ווערט געבוירן אַ ברייטערע וועלט־אָנשויונג, וואו עס ווערט געזוכט דער סינטעז צווישן דעם „גלות־לעבן" און ארץ־ישראל.

עס קאָכט זיך און עס האָט זיך גאָרנישט איבערגעקאָכט...

XV

די אלגעמיינע און פער־
זענלעכע יידישע פראגע

איך האָב שוין דערמאָנט וועגן דעם, אז אין ארץ־ישראל ליידט מען אויף אַ מין גייסטיקן פיבער. מען איז שטענדיק אָנגערעגט, די איינדריקן זענען שטאַרק און פיל אין צאָל. עס זינגט און עס קלינגט אין די אויערן. מיט איין וואָרט: מען איז נישט וואָכנדיק, מען איז נישט נאָכדענקעריש, און מען איז נישט פעיק צו סומירן די איינדריקן אויף אַ קאַלטן לאָגישן שטייגער.

בין איך דערצו איצט יאָ שוין פעיק? איצט, ווען דאָס לאַנד ליגט דאָרט ווייט, דאָס גרינע לאַנד צווישן דעם ים און דעם מדבר, און איך בין „אויף מערב" ביים טיש פון דער רעדאַקציע? — איך בין מסופק דערין.

קאָן ארץ־ישראל פאַרענטפערן די יידישע פראַגע? לויט מיין מיינונג — ניין. ווייל די יידישע פראַגע איז שרעקלעך גרויס, האָט אַ שרעקלעכן, אַ מוראדיקן פאַרנעם, און זי איז אַ ביטערעווירקלעכקייט, און ארץ־ישראל איז קליין.

פון דער אַנדערער זייט אָבער מוזט איר מודה זיין, אַז — ווען נישט פאַרן יידישן פאָלק — אָבער פאַר אַ גרויסער צאָל מענטשן האָט ארץ־ישראל עפעקטיוו פאַרענטפערט זייער פערזענלעכע יידישע פראַגע. איך

מיין, פאַר די מענטשן, וואָס וואוינען דאָרט און האָבן זיך פאַרקניפּט מיט דעם לאַנד. דאָס דאָזיקע געפיל, וואָס מיר אַלע האָבן אומעטום אויף דער וועלט, דאָס געפיל, אַז עפּעס פעלט, איז נישט כשורה, האָבן זיי דאָרט נישט. עס איז נישטאָ די פראַגע, וואָס פאַרביטערט דאָס לעבן, וועגן דעם צווייטן און דריטן דור, וועגן „הדור הבא אחרינו״.
עס איז דאָס שרעקלעכסטע פון אַן איבערגאַנגס־צייט. דער מענטש הערט אויף צו פילן די קאָנטי־נויטעט פון לעבן, דאָס איבערפלאַנצן, דאָס שפּינען דעם פאָדעם איבער דעם שטיקל צייט, וואָס ער פּערזענלעך פאַרנעמט. מיט אים ווערט עפּעס אָפּגע־ריסן, פאַרגייט צוזאַמען מיט אים. עס איז נישט דאָ דער צער גידול בנים, פון וואָס אונזערע עלטערן האָבן געוואוסט. עס איז אַ פיל טיפערער — ווייל גייסטיגער — שמערץ, וואָס, למשל, דאָס אַמעריקאַ־נישע יידנטום לעבט איצט דורך. פרעמדע קינדער! אַ ווילד־פרעמדע וועלט נאָך אים!

עס איז פאַלש, אויב מען מיינט, אַז דער יידישער פאָטער באַדויערט זיינע קינדער, וואָס זיי וועלן מער נישט זיין גאַהאָפטן צום יידישן פאָלק. דאָס באַדויערט ער זיך אַליין, זיין אָפּגעריסנקייט, זיין באַגרענעצטקייט אין דער צייט. ווען עס שפּינט זיך דער פאָדעם ווייטער, שטרעקט זיך דאָס פּערזענלע־כע לעבן אויס איבער די אייגענע 70 יאָר, באַקומט אַ סטאַבּיליטעט, אַ פעסטיקייט, אַנדערש. ווען דער מענטש פילט, אַז ער איז דער לעצטער. עס מוז זיך דעמאָלט באַווייזן דאָס פוילעניש פון גייסטיקן

לעבן — דער ציניזם. מיר ליידן אַלע מער אָדער ווייניקער דערויף. פון היינען אָן ביז צום לעצטן פון אונז.

אָט פון דעם גלות־געפיל איז דער ארץ־ישראל־ייד פריי. „זייער לעבן האָט אָטעם, אַזוי ווי זייער טויט האָט אָטעם" — אויב צו רעדן מיטן לשון פון דיכטער. נישטאָ דאָס געפיל פון גיין באַרג־אַראָפּ צו אַן אומבאַקאַנטן תהום. פאַרקערט איז פאַראַן דאָס געפיל פון גיין באַרג־אַרויף, פון כוחות, וואָס ווערן אָנגעזאַמלט.

פאַר די, „וואָס ווילן זיך נישט אָדער קאָנען זיך נישט אַסימילירן" — איז דער ציוניזם דער ענט־פער. די פאָרמול איז אַ גוטע, אַ ניכטערנע. די מעשה איז אָבער, וואָס נאָר פאַר די ערשטע, פאַר די „נישט־ווילער", און וואָס זענען גרייט דערצו אויף פאַרשידענע קרבנות, גיט ארץ־ישראל שוין איצט אַ פּאַקטישן ענטפער. פאַר די, וואָס „קענען נישט", די גרויסע מאַסן פון פאָלק, קאָן ארץ־ישראל איצט ווייניק געבן, און הלואי זי זאָל קאָנען געבן אין די נאָנטסטע צענדליקער יאָרן.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו האָבן גאַנץ פאַרטרוילעכע שמועסן מיט עטלעכע פון די, וואָס דער לעצטער שטראָם האָט אַהער פאַרטראָגן. מערסטנס זענען דאָס געווען מיטל־פאַרמעגלעכע, מיט אַ קאַפּיטאַל פון אַ צוויי־דריי טויזנט פונט. אַ קליי־נער טייל האָט זיך געפּרוווט ווי־נישט איינצואָרדענען, אַ גרויסער טייל האָט געגישטערט, געשמעקט, אומ־געקוקט זיך דאָ און דאָרט, געשלאָגן זיך מיט דער

עה, געקויפט ענדלעך אַ פּלאַץ אין תּל־אביב, כּדי צו באַרויקן דאָס געוויסן, און געקליבן זיך צוריק אין וועג אַריין. געטראָפן האָב איך אָבער מענטשן אויך פון אַן אַנדער שניט. „זיי ווען פון דאַנען נישט מער אַוועקגיין, זיי קאָנען נישט מער צוריק".

— און וואָס־זשע ווילט איר טון? — איז גע־ווען מיין פראַגע — ווי אַזוי קלערט איר זיך איינאָרדענען?

און ער האָט מיר דערציילט גאַנץ אָפן. ער קויפט אַ באָיאַרע (אַ פּלאַנטאַציע פון פּאָמעראַנצן). מיט דעם קליינעם קאַפּיטאַל, וואָס ער פאַרמאָגט, האָט ער אויסגערעכנט, קאָן ער זיך דערשלאָגן דער־צו. די צוויי, צי דריי טויזנט פונט וועלן אים ברענגען אַן ערך 15% אַ יאָר, און דערפון קאָן ער בכבוד, ווען נישט נגידיש, לעבן.

דערביי האָבן מיר פאַרפירט אַזאַ שמועס:

— האָט איר געמאַכט אַ קאַלקולאַציע? — האָב איך אים געפרעגט.

ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט מעשה־סוחר גאַנץ גוט אַלץ באַרעכנט. און ער זאָגט מיר גאַנץ אָפן, אַז ער האָט בדעה צו אַרבעטן מיט אַראַבער, ווייל די אַרבעט קאָסט דעמאָלט אַ סך ביליקער.

און ווען איך שטעל אויף אים אויס אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן, ענטפערט ער מיר מיט אַ ביסעלע טרויעריקייט אין דער שטים, אָבער גאַנץ באַדאַכט:

— איך בין נישט אַהערגעקומען פאַרענטפערן די יידישע פראַגע. איך טו פאַר קיינעם גאָרנישט.

מיר איז אוממעגלעך ערגעץ־אַנדערש צו וואוינען, ווי נאָר דאָ. צוריק קען איך נישט. איך מוז דאָ בלייבן, און איך האָב קיין אַנדער עצה נישט.

דאָס קלינגט אַ ביסל צו־עגאָיסטיש. אָבער דער יונגערמאַן, וואָס האָט מיר דאָס געזאָגט, האָט עס טיף ערנסט געמיינט.

ער האָט זיין פּערזענלעכע יידישע פּראַגע, וואָס ער וויל קודם־כל פאַרענטפערן.

און דאָ וועט נישט העלפן, וואָס איר וועט זיך מיט אים אַריינלאָזן אין אַ שמועס וועגן די האַרטע פּראָבלעמען פון דער יידישער פּאָזיציע אין ארץ־ישראל. איר קאָנט, פאַרשטייט זיך, אים אויפווייזן, אַז ווען די אַרבעט וועט אין ארץ־ישראל געטון ווערן דורך אַראַבער, קאָן די נאַציאָנאַלע היים, אין פאַרלויף פון דער צייט, זיך אַרויסווייזן פאַר אַן אילוזיע. דאָס אוממיטלבאַרע געפיל אָבער, וואָס ער האָט, איז, אַז ער האָט זיין פּערזענלעכע פּראַגע פאַרענטפערט. פאַר דער יידישער פּאָזיציע אין לאַנד, פאַר דער צוקונפט, זאָלן זאָרגן אַנדערע, זאָל זאָרגן קהל.

און איך בין אויסן דערמיט צו באַווייזן, אַז קיינער קאָן נישט אָפּשאַצן, ז־ז ס'איז קיין מאָס דערויף נישט פאַראַן צו מעסטן, וויפל דאָס איז ווערט, וואָס אַ מעגלעכקייט איז פאַראַן פאַר אַ יידישן מענטשן צו פאַרענטפערן זיין יידישע פּראַגע. דער ענטפער איז דאָך פאַראַן, איז דאָך אַ רעאַליטעט, פאַר— אַ געוויסער צאָל מענטשן.

און אויך דאָס, ווייס איך, איז נישט דער סך־הכל

פון מיינע איינדריקן. איך בין אַן אָנהענגער פון דע אַרבעט אין ארץ־ישראל, און איך מיין, אַז קיין מיטלען דאַרפן נישט געקאַרגט ווערן אויף דעם אויפבוי פון לאַנד. דער צוליב־וואָס און פאַר־וואָס זענען נעבן־זאַכן.

פאַראַן זאַכן, וואָס מען דאַרף נישט און מען זאָל נישט פאָרמעל־לאָגיש באַווייזן, וואָס זייער נייטיקייט איז אייך קלאָר אינטויטיוו, אוממיטלבאַר, ווי למשל, די נייטיקייט פון אייער אייגענער עקזיסטענץ. ארץ־ישראל געהער צו די זאַכן —

ווען מען האָט דאָס לאַנד איינמאָל מיט די אויגן געזעען און זיין לופט געאָטעמט.

בריף פון מצרים

I

אַ נאַכט אין אַלכּסנדריה

מיר האָבן געהאַט אַ העל־בלאָען הימל און אַ ליכטיקע זון, אָבער דער ים איז געווען אומרויִק, און טאָפּלט פאַרדראָסיק איז טאַקע ביי אַזאַ שיינעם וועטער, ווען דאָס שיף שאָקלט אַזוי, און מען קאָן זיך אין ערגעץ נישט געפינען קיין אָרט. מיר קומען אָן קיין אַלכסנדריה מיט פאַרשפּעטיקונג, ווען מיר וועלן שוין נישט כאַפּן דעם צוג קיין קאַירע.

פאַרבלייבן מיר, הייסט עס, אַ נאַכט אין אַלכסנדריה.

דער אַריינפאָר צום אַלכסנדריער פּאָרט קומט־פאָר פאַרנאַכט, און עס איז מאָדנע שטיל געוואָרן און מאָדנע ווייס. פון דער וווייטן ליגט דער ברעג אין אַ האַלב־ראָד, און דער ים מיט דער יבשה גיסן זיך דאָ צוזאַמען זייער געמיטלעך און זייער פרידלעך. נישטאָ קיין בערגער, קיין פעלזן, קיין איבערגעריסענע ליניעס, — אַ פלאַכער, ווייסער ברעג. אַ"ך איז ווי אָפּגעבלייכט. אַפריקע האָט אונז גע־וויזן נישט קיין שוואַרץ, אָפּגעברענט פּנים, אַזוי ווי מען האָט זיך געקאָנט אויסמאָלן אין דער פאַנטאַזיע. ווי אַ כּלה אין אַ ווייסן שלייער זעט זי אויס. די טורעמס פון די מעטשעטן און דער ווייסער שטיין

פון די געביידעס שימערן בלאָס אין די אָוונט־שטראַלן.

אַ פיינע, אַ ראַפינירטע בלייכקייט, איך וואָלט געזאָגט: אַ קרענקלעכע אַ ביסל.

דער תלמוד דערציילט: אַ מלאך האָט אַריינגעשטעקט אַ רויר־שטעקעלע (קנה) אין ים און האָט עס באַצויגן מיט געמויזעכץ, דערויף איז אַ גרויסע שטאָט געבויט געוואָרן. מען קאָן עס דרייסט זאָגן אויף אַלכסנדריה של מצרים. עס איז זייער אַ געלונגענע עקספּרעסיאָניסטישע באַשרייבונג, וואָס אַלכסנדריה מאַכט. בעסער האָט מען דאָס נישט געקאָנט אויסדריקן.

עס איז שטיל און עס איז פרידלעך.

דאָס שיף פּאָרט צווישן שטילע וואַסערן, איז מיטן אַ שטילן פאַרנאַכט. דאָך ס׳פאַרגייט די זון, די לייכט־טורעמס צינדן זיך אָן און פינקלען ווייך און בלאַסלעך. מען פייפט און סיגנאַליזירט. די פּאָרט־באַאַמטע קומען אַרויף, העפלעכע עגיפּטער אין רויטע פעסקעס, און ביז דאָס שיף האַלט ביים האַפן, זענען מיר אַלע אָפּגעפאַרטויקט מיט די פּאַספּאָרטן.

דאָ אָבער, ביי דעם שטילן האַפן, זאָל דער אייראָפּעישער מענטש, וואָס איז געוואוינט צו געלאַסנקייט און מיושבקייט, זיך אָפּגעזעגענען מיט זיינע אייראָפּעישע מנהגים. דאָ הערט דער רייזנדער אויף צו זיין דער בעל־הבית פון זיין גוף און פון זיין געפּעק. דאָ מוז ער האָבן אויערן, מען זאָל זיי פאַרשרייען, אַרבל — אויף צו שלעפּן אים ביי זיי, אַ גוף — כדי מען זאָל אים שטויסן אַהין און אַהער

מיט אַ געשריי און אַ גרויס געפּילדער, — אויפֿן באָדן פֿון מזרח האָבן זיינע פּיס געטראָטן.

די אַראַבישע געפּעק־טרעגער, מינדסטנס אַ שטיק הונדערט, באָרוועסע, הויזנלאָזע, באַפּאַלן דאָס שיף, ווי אַ מחנה בינען. בינען איז ווייניק צו זאָגן, איר וואָלט געמיינט: רויבער, באַשיבוזוקן, און מיט אַזאַ לויפעניש און מיט אַזאַ געטומל און געשריי, אַז מיטאַמאָל פאַרלירסטו יעדע אָריענטאַציע און יעדע קאָנטראָל. וואָס דאָ געשעט, איז מיט קיין פעדער נישט צו באַשרייבן. מען כאַפּט דיך, מען צופּט דיך, מען רייסט דיך, און מען שרייט צו דיר אויף אַן אומבאַקאַנט לשון, אָדער אויף אַ משונה׳ געמיש פֿון אַלע לשונות. דו פּרוּווסט דיך נאָך ווערן, אָבער דאָס איז אַן אומזיסטע אַרבעט. דיין געפּעק איז פֿאַר־שוואונדן ערגעץ, און אַליין ווערסטו געשטויסן און געשליידערט, און דו ווייסט אַליין נישט, ווי אַזוי דו געפינסט זיך אין צאָל־אַמט.

און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אַראַבער האָט זיך אויסגעפונען, און דיין געפּעק (גאָטס ניסים!) איז גאַנץ, נאָר וואָס דו אַליין ביסט צעטומלט און באַגאָסן אינגאַנצן מיט שווייס, אַזוי ווי נאָך אַ שׂרפה פילט מען זיך. און וואָס דאָ איז געשען אין דעם גרויסן טומל און כאַפּעניש און לויפעניש און צו וואָס דו ביסט געשליידערט געוואָרן ווי אַ שפּענדל,— הייבסטו נישט אָן פאַרשטיין, ווייל דו פאַרשטייסט דעם מזרח נישט מיט זיינע באַזונדערע קולות און זיין גרויסן ליאַרם.

באַדויערט האָב איך נישט, וואָס איך בין גע־

בליבן אַ נאַכט אין אַלכסנדריה. מען זאָל נישט אַריינפאַלן באַלד פון שיף קיין קאַירא, וואו די פארביקייט און עקזאָטישקייט פאַרבלענדט מיט אַמאָל, מען זאָל צום ערשטן מאָל צוגעוויינען די נערוון. אַלכסנדריה איז דער אַריינפיר, די הקדמה.

ס׳איז אַ נאַכט אַ פרישע מיט גרויסע שטערן, און אין גאַנצע שטאָט־טיילן הייבט זיך איצט אָן דאָס לעבן. די פראָסטיטוציע אויפן אָריענט פאַר־שטעקט זיך נישט אין זייטן־גאַסן, רוקט זיך נישט אָפּ, נאָר פראַנק און פריי ליגט זי פאַרשפרייט אי־בער פיל, פיל גאַסן, אַ גאַנצן שטאָט־טייל פאַרנעמט זי. די בירגער פון שטאָט, דער געמיינער און מי־טעלער עולם קומען אַהין און שפּאַצירן לענג־אויס די אָפענע קלייטן, וואו פאַר יעדער איינער שטייען אויסגעשטעלט עטלעכע אַראַבקעס... אַלץ איז רוישיק, פאַרביק און שמוציק ביז גאָר. אָבער אַלץ וויצלט זיך און לאַכט, אָן אויפהער ווערט געלאַכט. די פראָסטיטוציע איז פון קאָראַן באַגינסטיקט. דאָס איז דער האַרעם פאַר די נישט־פאַרמעגלעכע. אויף יע־נער וועלט וועט אים מחמד פאַרגיטיקן מיט אַן אייגענעם האַרעם, אויב ער וועט גיין אין זיינע דרכים. דאָרט, אויף יענער וועלט, וועלן די אָרעמע זיין אויבן, און די רייכע נידעריק, אָבער אויף דער דאָזיקער זינדיקער וועלט מוז ער זיך באַגניגענען מיט דעם „האַרעם פאַר אַלע".

איך מאַך דעם קליינעם פירוש, ווייל מען מוז יעדעס לאַנד מעסטן מיט זיין אייגענער מאָס און אייגענע באַגריפן. אונזערע אייראָפּעער, צווישן

זיי עטלעכע יידיש־דייטשע דאַמען, וואָס מיר האָבן צוזאַמען געמאַכט דעם שפּאַציר איבער דעם קוואַר־טאַל, זיי האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב אַרויס־צווייזן זייערע מענטשלעכע געפילן דערמיט, וואָס זיי האָבן געזיפצט, באַדויערט, מאָראַליזירט (אַזוי ווי דאָס פּאַסט ביי אַזאַ געלעגנהייט). מען דאַרף צו זיין אַ גייסטיק בלינדער, אום אַריבערצוטראָגן אונזערע אייראָ־פּעישע באַגריפן אין דער מאַכמעדאַנישער וועלט אַריין. מען זאָל דאָ נישט רעדן פון געפאַלנקייט, אַרויסגע־שטויסנקייט, אַפילו נישט פון זינדיקייט. די פרוי איז דאָ נישט מער ווי אַ שפּילצייג און אַן אָביעקט פון גענוס פאַר רייך און אָרעם. וואָס דער רייכער האָט פאַר זיך אַליין, זיין הויז און זיין האַרעם, דאָס קאָן דער אָרעמער געניסן נאָר פון אַ שותפות, פון דעם, וואָס איז פאַר אַלעמען...

אַחוץ דער פּראָסטיטוציע נעסטן זיך אין דעם קוואַרטאַל די אָפּיום־רויכערער און די קאָקאַין־שמעקער, קאַפע־הייזער און אַראַבישע „קאַבאַרעטן" אָן אַ צאָל. אָבער דער אָפּיום און דער קאָקאַין מוזן זיך פאַרשטעקן, ווייל זיי זענען פאַרבאָטן.

אָבער צוזאַמען מיט דער פּראָסטיטוציע און די מענגען פון קאַפעס, טוען דאָס זייעריקע דער אָפּיום און דער קאָקאַין. דער עגיפּטער פון דער גרויסער שטאָט איז שרעקלעך דעגענערירט, אויף וויפל ער געהער נישט צו דעם העכערן קלאַס, וואו די דעגענעראַציע איז אפשר נישט קלענער, אָבער זי איז גאָר אַן אַנדערע...

דאָס מזל האָט געוואָלט, וואָס מיין פירער,

אַ רומענישער ייד, וואָס וואוינט שוין לאַנגע יאָרן אין קאַיראָ, און וועמען איך האָב גענומען אונטער דער האַנט, כּדי אָפּצוטיילן זיך פון דער מאָראַליזירנ־דער געזעלשאַפט, וואָס איז מיר שוין געגאַנגען אויף די נערוון מיט אירע „אויצן" און „אַכן" און גע־מאַכטער געפילעכץ — וואָס ער האָט דאָ געטראָפן מוחמד־יוסוף, אַ יונגן אַראַבער פון קאַירא. דער רומענישער ייד האָט אַן אַנגראָ־געשעפט פון שפּיל־צייג, און מוחמד־יוסוף איז ערשט נישט לאַנג געווען זיין קונד. איצט שלעפּט ער זיך אַרום אויף די גאַסן פון אלכּסנדריה. ער איז איינער פון זייער פּיל.

מוחמד־יוסוף איז אַלט נישט מער ווי אַ יאָר 25, אָבער געבויגן און געבראָכן איז ער ווי אַן אַלטער. ער האָט איינגעפאַלענע באַקן און אויגן, וואָס ברע־נען ווילד, דער ערדענער קאָליר פון זיין פּנים האָט מיר דערמאָנט עטלעכע טיפּן פון בערלינער באַקאַנ־טע קאָקאַיניסטן, דאָס איז אַ ספּעציעלער פאַרב, וואָס אַ געניט אויג דערקענט מאָמענטאַל. זיין גאַנג איז וואַקלדיק. דער רומענישער ייד האַלט אין איין קלאַפּן מוחמד־יוסופן אויף די פּלייצעס, אַזוי ווי אין די אַלטע גוטע צייטן: „פּאַרוואָס, מוחמד־יוסוף, קומסטו צו מיר נישט מער און דו ביסט נישט מיין גאַסט? — צי האָט מוחמד־יוסוף מיך פאַרגעסן?"

אָבער מוחמד־יוסוף האָט שוין לאַנג פאַרלוירן די רירעוודיקייט און פלינקייט פון אַן אַראַבישן הענדלער. שלעפעריק דערציילט ער זיין געשיכטע: ער האָט חתונה געהאַט אין אלכּסנדריה מיט אַ 14־יאָריקער, נאָך 6 חדשים איז זי אים מיאוס געוואָרן,

האָט ער זי פֿאַרקויפֿט דאָ ערגעץ, אָבער קיין געלט האָט ער מער נישט מיט וואָס צו האַנדלען.

ער פֿירט אונדז אַריין אין איינס פֿון די האַלב־טונקעלע צימערן, וואו זיין געוועזן ווייב געפֿינט זיך איצט. אָבער די קליינע אַראַבערקע, נאָך האַלב קינד און שרעקלעך געפּאַרבט, אַנטשולדיקט זיך. זי איז באַשעפטיקט אין צווייטן צימער פֿאַר אַ חברה אַמעריקאַנער, וואָס זענען געקומען זען מזרח־טענץ...

דערווייל זיצן מיר אין אַ טונקעלן צימער, אַ נאַפט־לאָמפּ ברענט, גרויסע אויסגעפּאַשעטע קעץ ליגן אויף אַ הויך בעט, אויף די ווענט קריכן אַרום פֿאַרשידענע ווימלדיקע באַשעפֿענישן. עס איז דושנע.

— קום, מוחמד־יוסוף קיין קאַירא, וועלן מיר זען, איך וועל דיר געבן אויף קרעדיט... — רעדט דער רומענישער ייד צו אים אַראַביש. מוחמד־יוסוף שמייכלט אונטערטעניק, דאַנקט, באַרירנדיק מיט דער לינקער האַנט דעם שטערן און דאָס האַרץ, צום סוף (מסתמא, פֿון גרויס אויפֿרעגונג) קאָן ער זיך מער נישט איינהאַלטן, שלעפּט אַרויס פֿון ערגעץ אַ שמאַטע, וואו עס איז פֿאַרוויקלט אַ פּאַפּירל און אַ ווייסער פּראָשעק דערין, און מיט אַ שטאַרקן זופּ מיט דער נאָז און מיט אַ מאָדנער תאווה פֿאַרשלינגט ער דאָס. די אויגן ברענען ביי אים ווילד.

אַזוי שלעפּן מיר זיך אַרום, איך, דער אַראַבער און דער רומענישער ייד, ביז לאַנג נאָך האַלבער נאַכט. אין די אויערן קלינגט נאָכאַנאַנד דאָס געזאַנג פֿון די אַראַבער. דער רעציטאַטיוו, וואָס וויקלט זיך ווי אַ ספּיראַל, און פֿאַלט פּלוצלינג

אַראָפּ הינטן. טיילמאָל דוכט זיך — אַ חזן זינגט. אַ האַלבע טוץ קאַפּעס האָבן מיר שוין אויסגעזופּט, געזען פאַרשידענע אַראַבישע שיינקייטן, מיט 5 פּאָר מאַסיווע גאָלדענע רייפן אויף די פיס, וואָס מאַכן די באַוועגונג כמעט אוממעגלעך. איינע אַזעלכע האָט געפּאַרבטע האָר אויף בלאָנד, זיצט מיט אונטערגעלייגטע פיס ווי א מומיע, איינגאַנצן באַהאָנגען מיט גאָלד. נישט קיין באַוועגונג, נישט קיין ריר, בלויז די אויגן קוקן פויל און נאַכלעסיק. די אַראַבישע שיינקייט באַשטייט הויפּטזאַכלעך אין דער פעטקייט. זיצן זיי אַזוי אָן צו געבן זיך אַ ריר, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו פאַרלירן אַ לויט פון זייער וואָג...

און מענטשן גייען און מענטשן רוישן און לויפן, ס'לעבן קאָכט, טיוון נאָך טירן און גאַסן נאָך גאַסן, עס נעמט גאָר קיין עק נישט.

אָבער מוחמד־יוסוף קאָן מער נישט גיין. ער פאַרשלינגט צוויי שאָלן קאַפּע און פאַרוואַרפט פאַרחלשט צוריק דעם קאָפּ.

— באָרג מיר 5 פּיאַסטער! — (אַזוי פיל קאָסט דער פּראָשעק) — בעט זער אונטערטעניק.

און ווי ער קריגט די מטבע, אַזוי פאַרשווינדט ער, און ס'איז כדאי געווען צו באַאָבאַכטן, ווי דער נחת האָט זיך שוין געמאָלט אויף זיין פּנים פון דעם באַלדיקן קאָקאַין־געַנוס.

שנעל גייט דאָ דאָס לעבן. גיך צייטיקט אַלץ און וועלקט. די מענטשן — נישט אויסגעוואַקסן.

II

דער גאָט פון מצרים

ווער עס איז נישט געווען אין מצרים, דער וועט נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מענטשן האָבן אַמאָל געקאָנט דינען צו אַ טייך: מקריב זיין קרבנות און אָפּריכטן תפילות צו אים. מצרים אָן דעם ניל איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַזוי ווי עס איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי אונזער ערד וואָלט אויסגעזען אָן דער זון. נישט נאָר, וואָס ער ברענגט די ברכה פון לאַנד, נאָר ער איז דאָס לאַנד אַליין, אָן דעם ניל, וואָלט מצרים געווען אַ שטיק פון דער מדבר סאַהאַראַ, מיט גליענדיקע זאַמדן, אָן שפּור פון לעבן, נאָר אַ דאַנק דעם ניל, וואָס יאָר־יערלעך צעגיסט ער זיך איבער די ברעגעס, לאָזט איבער אויסער דער פייכטקייט, נאָך אַ שיכט פון אַ גוטער אָנגעטראָגענער ערד, גרינט און בליט דאָס לאַנד, גלאַנצט אין פאַרבן אַנטקעגן דער אַפריקאַנישער זון און גיט אַ שפע פון תבואות און גרינצייג, וואָס איז גענוג צו דערנערן איבער צען מיליאָן מענטשן. „אַזוי ווי אַ גן־עדן איז דאָס לאַנד מצרים!" ווייטע לאַנגע גרינע שטרעקן ציען זיך אַזוי לאַנג ווי דאָס אויג קאָן כאַפּן, און וואו איר קערט אייך און ווענדט אייך, האָט איר דעם ניל, אין דער פאָרם פון אַ נעבן־שטראָם, פון אַ קאַנאַל,

צו אַ שמאָלער וואַסער־לייטונג. דאָרט, וואו ער הערט אויף, וואו די ברכה פון ניל דערגרייכט נישט, דאָרט פאַרשווינדט מיט איין מאָל דאָס לעבן, דאָרט גליט אַ ווייטער זאַמדיקער מדבר. און נאָר דער ווינט הוליעט דאָרט און טראָגט־אָן וואָלקנס שטויב און שיט־אָן אַלץ נייע בערגער זאַמד. די פּיראַמידן, דאָס „פּיתום ורעמסס", מיט די ספינקסן, מיט די טעמפּ־לען פון געטאָקטן שטיין, די ריזיקע, מאָנומענטאַלע איבערבלייבענישן פון דער גרויסער אַלטער קולטור, געפינען זיך אַלע אין מיטן דעם מדבר, און דאָ ביי דער זייט בליט און גרינט דאָס לאַנד, און קאַירא, די רעזידענץ, די גרויסע לוקסוס־שטאָט, קאָכט און זידט האַרט נעבן דעם מדבר, און איר פאָרט־צו מיט אַ טראַמוויי פון קאָכעדיקסטן רוישנ־דיקסטן לעבן אין מיטן טויט און וויסטעניש. פאַר עטלעכע פּיאַסטער פאָרט איר פון קאַירא צו די פּיראַמידן, וואָס שטייען שוין אין מיטן מדבר!

מצרים — דאָס איז דער ניל, דער שטראָם קומט פון מיטן אַפריקע, דאָ צעשפּרייט ער זיך אויף עטלעכע פלוסן, שטרעקט אויס זיינע אָרעמס איבערן לאַנד און ברענגט אים די ברכה. אין די אַלטע צייטן פלעגט מען וואַרטן ביז ער האָט אויס־געגאָסן איבער די ברעגעס, היינט האָט מען גע־גראָבן קאַנאַלן און צעפירט דאָס וואַסער אין אַלע ווינקעלעך, און מען קאָן דעם באָדן אָנטרינקען צו יעדער צייט און צו יעדער שעה.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס נאָך ביז צום היינטיקן טאָג האָבן זיך איינגעהאַלטן

שפורן פון דעם מנהג, מקריב צו זיין קרבנות צום ניל. שוין נאָכדעם, ווי די אַראַבער האָבן איינגענומען דאָס לאַנד, און די קאַליפן האָבן מיטן בלאַנקן שווערד פאַרשפּרייט די רעליגיע פון נביא, פלעגט מען נאָך אַלץ יעדעס יאָר ברענגען אַ לעבעדיקן קרבן צו דעם טייך־גאָט. אַ יונגפרוי, פון די שענסטע טעכטער פון לאַנד און פון די נאָבלסטע פאַמיליעס, פלעגט אַריינגעוואָרפן ווערן יעדעס יאָר לעבעדיקערהייט אונטער דעם געבעט פון די פרומע און דעם יובל פון די מאַסן. ס׳איז געווען אַ פאָלקס־יום־טוב, ווייל ניל איז געווען גוט צו די מענטשן, האָבן זיי אים געשענקט יעדעס יאָר דאָס שענסטע און דאָס טייערסטע און איידלסטע. לויט אַ גורל איז דאָס צוגעגאַנגען. פון די העכסטע פאַמיליעס זענען אויסגעקליבן געוואָרן די שענסטע טעכטער, און די, וואָס האָט „געוואונען” דעם גורל, איז געווען די גליקלעכע, די באַשערטע פון גאָט. און עס וואָלט געווען די גרעסטע זינד, ווען עמיצער זאָל זי באַדויערן, און טאַטע־מאַמע זאָלן זי באַוויינען. ווי דאָס יונגע באַשעפעניש, וואָס מען האָט געפירט צום טויט, האָט זיך געפילט — ווער קאָן דאָס זאָגן! איז זי אויך געווען גליקלעך, האָט זי אויך מיטגעזונגען די לידער? ווער ווייסט! שטאַרקער פון טויט איז די פאַנטאַזיע פון די מענטשן און זייער איבערגעגעבנקייט צו די געטער.

מען דערציילט, אַז ווען די ענגלענדער האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד, האָבן זיי נאָך געטראָפן דעם מנהג. איך בין מסופק, צי זיי וואָלטן אים אָפּגע־

שאַפט איבערגעוואַלט. עס ליגט נישט אין דער נאַ־טור פון ענגלענדער אַריינצומישן זיך אין די אָר־טיקע מנהגים. וואו ער קומט, דער וועלט־הערשער, לאָזט ער דאָס לעבן לויפן. אַליין זוכט ער נאָר אַרויסצובאַקומען וואָס מער מאַטעריעלן נוצן פאַר זיך. „הנשמה לך והגוף שלי" — דאָס איז דער דעוויז פון דעם ענגלישן סיסטעם. ער קימערט זיך כלל נישט איינצופלאַנצן זיין קולטור, איבערצואַנדערשן דעם לעבן־שטייגער, ווי דאָס האָבן ליב געהאַט צו טון די רוסן, און די פראַנצייזן נאָך עד־היום, וואו זיי האָבן געהערשט. אין מצרים, למשל, ווי אויפן גאַנצן אָריענט, איז די פראַנצויזישע קולטור און די פראַנצויזישע שפּראַך פיל מער פאַרשפּרייט, ווי די ענגלישע. די ענגלענדער האַלטן נאָר די שליסלען פון לאַנד אין זייערע הענט.

וואָס אָנבאַלאַנגט אָבער דעם מנהג מקריב צו זיין אַ קרבן, האָט געזאָלט טרעפן, ווי מען דער־ציילט, אַ מעשה, אַז דער גורל איז געפאַלן אויף דער טאָכטער פון אַ געוויסן פּאַשאַ, וואָס איז געווען גוט באַפריינדעט מיט דעם ענגלישן גובערנאַטאָר, דער האָט געזאָלט אויספועלן ביים גרעסטן פאַר־שטייער פון איסלאַם אין מצרים, אַז מען זאָל אָפּ־שטאָט די לעבעדיקע שיינהייט אַריינוואַרפן אין ניל אַ ליאַלקע, וואָס זאָל זיין ענלעך ווי צווי טראָפּן וואַסער צום לעבעדיקן קרבן. צום ערשטן האָט מען עס פאָלק נישט אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דאָס לעבעדיקע צאַפּלדיקע באַשעפעניש איז פאַרביטן גע־וואָרן מיט איר אָנבילד. אָבער מיט דער צייט איז

עס ממילא שוין אַזוי געקומען, אַז דער עולם האָט זיך דערצו צוגעוויינט. היינט צו טאָג איז מען יאָר־איין, יאָר־אויס מקריב אַ קרבן אין געשטאַלט פון אַ ליאַלקע, וואָס שטעלט־פאָר אַ יונג מיידל. ביי קלאַנגען פון מוזיק און אַ גרויסער פייערלעכקייט ווערט די צערעמאָניע געפּראַוועט.

און דער ניל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט פאַרליב גענומען די נייע מנהגים, וואָס זענען געקומען צוזאַמען מיט די ענגלענדער, און איז געבליבן פריינטלעך צו די מענטשן נישט ווייניקער ווי אין די אַלטע צייטן; פאַרקערט נאָך, זיין ברכה איז כסדר געוואַקסן. דער מדבר האָט געמוזט אָפּטרעטן גרויסע שטיקער פּלאַץ פאַר דעם ישוב, ווייל די באַוואַסערונגס־אַרבעטן האָבן זיך כסדר אַנטוויקלט. דאָס לאַנד אינגאַנצן איז געוואָרן פרוכטבאַרער. ס'איז פאַראַן אַן עשירות, אַ רייכקייט, אין תבואה, רינדער און שאָף. וואָס בלענדט די אויגן, כאָטש די רייכקייט איז דאָ פאַרטיילט אַזוי, אַז צוזאַמען מיט די אומגעציילטע אוצרות פון די פּאַשאַס איז פאַראַן אַ גרויסע באַפעלקערונג, וואָס איז פאַרשקלאַפט, אַרבעט שווער פאַר הונגער־לוינען, וואַלגערט זיך אויף דעם הייסן ברוק פון די גרויסע שטעט אין צעלאַטעטע אָפּגעריסענע מלבושים, פאַרשיכורט זיך מיט אַלקאָהאָל (אין מצרים ווערט דאָס געבאָטן פון נביא, נישט צו טרינקען קיין שאַרפע משקאות, כמעט נישט געאַכטעט) און פאַרטויבט זיך פון קאָקאַין און אָפּיום, און ווערט געפרעסן און דעגענערירט פון קראַנקהייטן, סיי־ווי־סיי דאָס לאַנד איז

געוואָרן רייך, די פּאַשאַס און די עפּענדיס האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, און איבער גאַנץ מצרים גייט דאָס געשריי נאָך זעלבסטשטענדיקייט.

זאַגלול פּאַשאַ, דער רעוואָלוציאָנער, וואָס די ענגלענדער האָבן פאַרטריבן אַמאָל פון לאַנד, איז איצט דער הערשער. דער פריערדיקער כעדיוו איז אַראָפּ, און דאָס לאַנד האָט איצט אַ קעניג. דער פּאַרלאַמענט, דער ערשטער אַפריקאַנישער פּאַרלאַמענט, איז געעפנט געוואָרן.

די ענגלענדער האָבן זיך שטיל אָפּגערוקט אָן אַ זייט. איר הערט זיי נישט. זיי מישן זיך נישט. געוואַלטיקע דעמאָנסטראַציעס זענען געווען אין קאַיראָ אין טאָג, ווען דער פּאַרלאַמענט איז געעפנט געוואָרן, און, צי אָפן, צי באַהאַלטענערהייט, איז אַלץ געווען געווענדעט געגן ענגלאַנד. אין די אַראַבישע קאַבאַרעטן וויצלט מען זיך איבער דעם ענגלענדער. עס מאַכט נישט אויס. נאָר קעגן דעם מוזעום אין קאַיראָ שטייען לאַנגע געביידעס. דאָס זענען די קאָשאַרן פון מיליטער. זאַגלול פּאַשאַ זאָל זיך אין גיכן צוזאַמענרעדן מיט די ענגלענדער, אַז זיי זאָלן צוריקציען דאָס מיליטער פון מצרים. ענגלאַנד גייט אויך אויף דעם איין.

נאָר דעם גאָט פון מצרים ווערן זיי נישט אַרויסלאָזן פון די הענט. די שליסלען פון ניל זאָלן בלייבן ליגן ביי זיי אין דער טאַש. סודאַן — דאָס איז די מדינה, פון וואַנען דער ניל קומט אָן קיין מצרים. עס געהער אייגנטלעך צו מצרים פּאָליטיש. אָבער די באַפעלקערונג דאָרט איז שוין נענטער

צום נעגערישן טיפּ, ווי צום ווייסן. דער סודאַנער רעדט אויך אויף אַ בערבערישער אַפריקאַנישער שפּראַך, און אַלפּ מוסלמענער איז ער פיעל פרומער, ווי דער מצרי, וואָס די תּאוות פון דער זינדיקער וועלט האָבן אים שוין אַראָפּגעפירט פון גביאס וועג. דער סודאַנער וואַשט זיך נאָך און בעט פינף מאָל אין טאָג צו אַלאַ, און ער קאָן נישט פאַרטראָגן דאָס אַפּיקורסות פון די עגיפּטער.

אָט דאָס פרומע און גאָטספאָרכטיקע סודאַן, וואו דער ניל גייט דורך אויף זיין וועג קיין מצרים — דאָס ווילן די ענגלענדער באַהאַלטן פאַר זיך. זעלבסטשטענדיקייט? — אַ, מיטן גרעסטן כּבוד, וויפל איר ווילט נאָר אַליין. נאַט אייך מיליטער און מאַכט אייך פאַראַדן. נאַט אייך אַ פּאַרלאַמענט און איר קאָנט אייך דאָרט אַרומרייסן, וויפל אייער האַרץ איז באַליבט, און איר קאָנט האַלטן פייער־דיקע רעדעס געגן ענגלענדער און זינגען שפּאָט־לידער. נאָר די האַנט זאָל בלייבן אַרום מצרימס גאָרגל, און ווען דאָס וועט זיין נייטיק, וועט די ענגלישע האַנט געבן אַ קוועטש און מצרים וועט אַרויסשטרעקן אַ רויטע דורשטיקע צונג: דער ניל וועט ווערן אויסגעטריקנט!

אין סודאַן לויפט דער ניל, דער גאָט פון מצרים, און ענגלאַנד וויל דעם גאָט נישט אַרויס־לאָזן פון איר רשות!

אָבער מצרים האָט געביטן איצט די נאַציאָ־נאַלע פאָן. זי איז איצט גרין (אַמאָל איז זי געווען רויט), און אַ האַלבע לבנה מיט דריי שטערן באַ־

דייטן: אונטער־מצרים, אויבער־מצרים און — סודאַן. און אין דעם טאָג, ווען דער פּאַרלאַמענט האָט זיך געעפנט, זענען אין קאַיראָ געווען גרויסע דע־מאָנסטראַציעס. אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע מחנות האָבן מאַרשירט און געשריגן — סודאַן!

קינדער האָבן אָפּגעשטעלט די טראַמווייען און געשריגן — סודאַן!

אָבער די פּאַשאַס אין פּאַרלאַמענט האָבן גע־מאַכט קלוגע פּאָליטיק. גערעדט צווייד[illegible]יטיקע, ווער־טער, וואָס האָבן באַהאַלטן די כוונה — סודאַן.

און זאַגלול האָט אין זיין רעדע געגעבן אָנ־צוהערעניש, אַז מען מוז מאַכן אַ פּשרה מיט די ענגלענדער וועגן סודאַן. און ער האָט פאַרלוירן אַ העלפט פון זיין פּרעסטיזש ביי די נאַציאָנאַליסטן.

ווייל מצרים ווערט פריי און זעלבסטשטענדיק. אָבער איר גאָט בלייבט אין גלות ביי די ענגלענ־דער.

III

ביי מוטאַנקאַמען צו־נאַכט

(אין קאַיער מוזעום)

פרעה טוטאַנקאַמען ליגט נאָך אין לוקסאָר אין אויבער־מצרים, און מצרישע זעלנער היטן, אַז די יורשים פון פאַרשטאָרבענעם ענגלישן לאָרד זאָלן אים נישט אַרויספירן פון דאָרט. די מצרישע רעגירונג האָט מאָביליזירט 4 פולקן פון איר חיל צו דעם צוועק, און אַלע וועגן ווערן באַוואַכט. לאַנגע יאָרן אַרבעט און צענדליקער מיליאָנען פונטן האָט דער ענגלענדער אַריינגעלייגט אין די אויסגראָבונגען און, לויט אַן אַלטן אָפּמאַך מיט דער מצרישער רעגירונג, געהער אַ העלפט פון די געפונענע אוצרות אים, אַ העלפט — איר. איצט וויל די מצרישע רעגירונג נישט האַלטן דעם אָפּמאַך (מצרים איז זעלבסטשטענדיק!), משפט מען זיך אין די געריכטן פון מצרים, און טוטאַנקאַמען ליגט דאָרט אין זיין סאַקראָפאַג און וואַרט. ער האָט צייט. 3500 יאָר האָט ער געוואַרט, וועט געדויערן נאָך אַ שטיקל צייט.

אָבער ווער עס וויל און ווער עס האָט אַ שטיקל פאַרשטענדעניש, דער קאָן אים שוין איצט זען, נישט אין לוקסאָר, נאָר אין קאַירא אין נאַצי־יאָנאַלן מוזעום, וואו צוויי צימערן זענען שוין אויס־געפילט מיט אַ טייל פון זיינע זאַכן, וואָס זענען געפונען געוואָרן אין די פאָדערשטע צימערן פון

זיין באַגרעבעניש. ווייל דאָ דערציילט יעדעס שטיקל אַלבאַסטער, יעדעס קריגל פון בלאָשטיין, יעדע איינציקע קליינקייט וועגן דעם רייכן און קלוגן קעניג פון מצרים. זיין גייסט און דער גייסט פון זיין דור שוועבט איבער די אַלע זאַכן.

ווייט פון דאַנען, 14 שעה רייזע מיט דער באַן, רוט זיין באַלזאַמירטער גוף, וואָס די חרטומים האָבן פאַרשטאַנען צו פאַרוואַנדלען אין אַ פאַרשטיינערטער מאַסע, אָבער דאָ, אין די צוויי צימערן, זעט איר און פילט אים אַליין, זיין פערזענלעכן געשמאַק. איר שטייט לאַנג פאַר די אַלע קליינקייטן, פאַר די שקאַטולקעס אויף צו באַהאַלטן דאָס צירונג, פאַר די קרוגן און טעפלעך, פון גאָלד און טייערע שטיינער געמאַכטע, מיט אַזוי פיל פערזענלעכן געשמאַק און פיינגעפיל אויסגעפורעמטע. איר שטייט פאַר זיין באַקוועם בעט, פאַר דעם שטול פון מאַסיוון גאָלד, וואָס האָט אויף דעם אָנלען אַ קליינע ראַפינירטע אויסשניצונג, וואָס שטעלט־פאָר טוטאַנקאַמען צוזאַמען מיט זיין פרוי. איר שטייט אין שטילשווייגעניש און וואַרט: אָט וועט זיך עפענען די טיר, און דער גרויסער קעניג מיט דעם יינגלישן פנים וועט אַריינקומען און ער וועט גאַנץ געמיטלעך צורופן אַ דינער און הייסן אים דערלאַנגען איינע פון זיינע באַליבטע זאַכן.

איך בין נישט קיין ליבהאָבער פון אַרכעאָלאָגיע, פון אַלטע זאַכן צוליב זייער אַלטקייט. אַלטע שלעסער, היסטאָרישע ערטער לאָזן מיך פיל מאָל זייער גלייכגילטיק. אָבער פאַראַן אַלטע זאַכן,

בילדער, געביידעס, שלעסער, וואָס פון זיי רעדט דאָס לעבן פון אַ מענטש, זיין געשמאַק. איר פילט דעם לעבעדיקן גייסט צווישן די טויטע זאַכן. פאַראַן, למשל, נעבן בערלין דאָס שלאָס פון פרידריך דעם גרויסן, איז עס אַ שטיק פון זיין איך. וואָס איר באַוואונדערט דאָרט, דאָס איז די צוגעפּאַסטקייט פון אַלץ צו דער פּערזענלעכקייט. אַלץ איז דאָרט געמאַכט געוואָרן נישט צוליב סתם שיינקייט, צוליב רייכקייט, נאָר אַז אַ לעבעדיקער מענטש זאָל עס קאָנען געניסן. אַלץ האָט אַן אינערלעכע שייכות צווישן זיך. דאָסזעלבע געפיל, אָבער נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, האָט איר, ווען איר דרייט אייך אַרום צווישן די חפצים פון טוטאַנקאַמען. איר אַנט און פילט דאָס אויג, וואָס האָט זיך געקוויקט מיט דעם בלאָשטיין. די הענט, וואָס האָבן געגלעט דעם אַלבאַסטער־קרוג, דעם נחת און דאָס וואוילגעפיל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַ מענטשלעכער נשמה מיט 3500 יאָר צוריק, ליגט דאָ אויסגעגאָסן.

און אַזוי מענטשלעך איז דאָס אַלץ, אַזוי נאָענט.

*
*

אַרום אין מוזעום זענען געטער. די אַלטע קעניגן פון שטיין אין ריזיקן פאָרמאַט, אין זייער אַבסאָלוטער רו און „אויסגעטוענקייט" פון אַלצדינג. זיי טוען און קעניגן, זיי טוען און הערשן. עס דוכט זיך, זיי זענען קיין שום זאַך נישט באַזונדער,

זיי הערן קיין קלאַנג נישט, און דאָך קניט אַלץ און ליגט צו זייערע פיס. אַזאַ פרעה טראַכט נישט ווייל טראַכטן וואָלט געהייסן אַראָפּלאָזן זיך צו עפּעס אַ קלייניקייט, דאָס וואָלט געהייסן אויפהערן צו זיין אַ גאָט און ווערן אַ מענטש.

אָבער טוטאַנקאַמען דרייט זיך דאָ, אין די צוויי צימערן, אַרום צווישן זיינע קליינע געליבטע זאַכן, די קרוין זיינע האָט ער אויסגעטון, זי ליגט אָט־דאָ באַזונדער, און אַליין האָט ער (אויף דער מיניאַטורער אויסשניצונג, וואָס אויף זיין טראָן) אַזאַ ייִנגליש פּנים, שטאַרק און דאָך ראַפינירט, ער איז גוטיק און ער איז מענטשלעך.

אין די צוויי צימערן, וואו עס ליגן די זאַכן, רוט מען אויס. דאָס נאַציאָנאַלע מוזעום אין קאַי־ראָ איז דאָס צווייטע לויט דעם ראַנג בנוגע דער זאַמלונג פון אַלטע עגיפּטישע זאַכן. נאָר דאָס ברי־טישע מוזעום אין לאָנדאָן קאָן זיך רימען מיט אַ גרעסערער זאַמלונג. איר האָט דאָ אין קאַיראָ עט־לעכע צענדליק מומיעס, אָן אַ שיעור סקולפּטורן, בילדער, וואָס די פאַרבן זענען נאָך ביז היינט פריש, מטבעות, שיפן, כלי־זין — אַ גאַנצע וועלט! איר גייט פון איין וואונדער צום צווייטן. אַ גרויסע קולטור, וואָס האָט לויט איר שטאַרקייט און גאַנצ־קייט פון אויסדרוק פיל איבערגעוואַקסן אונזער היינטיקע קולטור, רעדט דאָ צו אייך פון יעדן ווינקעלע. אָבער זי דריקט און פרעסט אייער האַרץ, — די דאָזיקע גרויסע קולטור! עפּעס פרעמדס ליגט אין איר. איר שטייט און באַוואונדערט און קאָנט אייער

אויג נישט אָפּרייסן פון די קעניגן מיט די קאַנטי־קע בערד, וואָס זייערע פּנימער זענען נישט גוט, נישט בייז, נישט פריילעך, נישט טרויעריק, און נאָר דערהויבן זענען זיי, דערהויבן אויף היינט און אויף אַלע מאָל. נישטאָ דאָס שפּיל פון לעבן, די באַוועגונג, דאָס לייכטע און פאַרענדערלעכע... אָנגעשטרענגט איז אַלץ, אָנגעשטרענגט—א י ן ק אַ מ ף מ י ט ן ט ו י ט.

ווייל די עגיפּטישע קולטור איז נישט באַשאַפן געוואָרן אויף צו פאַרשענערן דאָס לעבן פון די מענטשן, איז נישט געווען דאָס שפּיל פון געטער־מענטשן, אַזוי ווי ביי די גריכן. די עגיפּטער האָבן כסדר מלחמה געהאַלטן מיטן טויט, מיט דער צייט, וואָס פאַרצערט אַלצדינג, און האָבן זי געוואָלט גובר זיין. דעם גוף האָבן זיי באַלזאַמירט, האָבן אים אַריינגעלייגט אין שטיינערנע קאַסטנס, איינער אין אַנדערן, און עס איז נאָך אַלץ געווען ווייניק. דער ווינט פון מדבר פאַרשיט אַלצדינג, די קברים וועלן ווערן פאַרלוירן, האָבן זיי אויפגעשטעלט א ו י ף די קברים ריזיקע פּיראַמידן, וואָס די צייט זאָל זיי נישט אומוואַרפן. זיי האָבן אויפגעמאָלט די פּאָרטרעטן פון די געשטאָרבענע אויף זייערע קברים מיט אַזאַ לעבעדיקייט, מיט אַזאַ רעאַליזם, וואָס קוים אַ פּאָרטרעט־מאָלער פון היינטיקער צייט קאָן זיך מיט זיי פאַרגלייכן. אָבער ס'איז אַלץ נאָך געווען ווייניק. דער עיקר איז געווען, אַז די פאַרבן זאָלן נישט אָפּגעמעקט ווערן אין פאַרלויף פון הונדערטער און טויזנטער יאָרן. אַ קעניג האָט זיך געלאָזט אויסהאַקן פון שטיין זיין פיגור, כדי

ער זאָל „פאַרבלייבן". כּדי די צייט זאָל אים נישט גובר זיין, איז דער שטיין געווען צוויי, צי דריי מאָל אַזוי גרויס, ווי די לעבעדיקע פיגור פון קעניג, כּדי ער זאָל קאָנען ביישטיין די פאַרוויסטונגען פון דער צייט.

די גאַנצע עגיפּטישע קולטור איז אַ גרעבערקולטור. זי האָט אַ שייכות מיט דעם קולט פאַר די מתים. זי איז אַ פּראָטעסט מיט טאַט קעגן דער פאַרניכטונג.

גוט געלעבט האָט זיך די פּרעהס אין דעם געבענטשטן לאַנד, וואָס ביים ניל. הונדערטער טויזנטער שקלאַפן האָבן פאַר זיי געאַרבעט, די אוצרות פון דער גאַנצער וועלט זענען צו זיי געבראַכט געוואָרן, שטאַרקע מענטשן זענען דאָס געווען. איר קאָנט דאָס אַראָפּלייענען פון זייערע פּנימער. אָבער דער טויט איז נאָך שטאַרקער, און זיין שאָטן האָט מען געטריבן און פאַריאָגט.

אויך פּרעה מוז שטאַרבן! דאָס איז געווען דער אימפּולס פאַר אַ געוואַלטיקער קולטור. יעדער פּרעה, ווי נאָר ער איז אַרויף אויפן טראָן, איז זיין ערשטע זאָרג געווען, ווי אַזוי בייצוקומען דעם טויט. עס האָט געטראָפן, אַז אַזאַ פּרעה האָט 50 יאָר געקיניגט און 50 יאָר געמויערט זיין קבר. וואָס שטאַרקער, וואָס גערוימער איז דאָס קבר געווען, אַז אַלע זיינע געליבטע זאַכן זאָלן אים קענען מיטגעגעבן ווערן. דאָס, וואָס לויט דער גרייס האָט נישט געקאָנט אַריינגענומען ווערן אין קבר, ווי אַ פעסטונג אַ מחנה חיל, אַ פּלאַט, — דערפון האָט מען געמאַכט

מאָדעלן, און זיי מיטבאַגראָבן. נאָר אַזוי־ארום איז נעבליבן אַ בילד פון וואַכנדיקן לעבן, אַחוץ די מומיעס און די סקולפּטורן, וואָס שטעלן־פאָר די קעניגן.

אויסער קליינע געציילטע זאַכן, ווי, למשל, די האָלץ־פיגור, וואָס שטעלט־פאָר אַ שטאָט־פּרע־זידענט אין אַ וואַכנדיקער, לעבעדיקער פּאָזע, איז אַלץ געווידמעט דעם טויט און שטייט מיט אים אין אַ דירעקטער שייכות.

אָבער טוטאַנקאַמענס מומיע, זיין מלחמה מיטן טויט, זענען געבליבן לעת־עתה אין לוקסאָר; דאָ אין קאַירא ליגן דערווייל זיינע חפצים, זיינע „מענטשלעכע" זאַכן, און דעריבער פילט מען זיך אין די צוויי צימערן אַזוי באַקוועם און לייכט.

עס פאָדערט ווייניקער אָנשטרענגונג. מען רוט־אויס פון דעם אייביקן קאַמף מיטן טויט...

א י נ ה א ל ט

ארץ־ישראל

I דורך דעם מדבר סין בײַנאַכט

II קאַרנאַוואַל אין תּל־אָבֿיבֿ

III אנפאלן אין נוה־שלום

IV דער פּורים־קאַרנאַוואַל אין תּל־אָבֿיבֿ

V צי קענסטו דאָס לאַנד?

VI צווישן אַרבעטער

VII אין נעסט פֿון אָרעמקייט

VIII ירושלים, ירושלים!

IX עמק־יזרעאל

X אין גליל

XI אין טבריה

XII „חלוקה־ייִדן"

XIII אַזיע און אייראָפּע

XIV אַ פֿרעמדע גײַסטיקע וועלט

XV די אַלגעמיינע און פּערזענלעכע ייִדישע פֿראַגע

מצרים

I אַ נאַכט אין אַלעקסאַנדריע

II דער גאָט פֿון מצרים

III בײַ טוטאַנקאַמענס צו־גאַסט (אין קאַירער מוזעום)